STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02564

IN LIKHT FUN TOYRE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

עטרת זקנים

אינד דיזען ספר ווערט ערציילט זייער וואונדערליכע זאכין פון דיזע אכט הייליגע צדיקים. וועלכים מיר האבין ארויס גינומען פון הייליגע ספרים. אינד מיר האבען גידרוקט אויף זשארגאן. כדי יעדער מענטש זאל וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע הייליגע צדיקים זיע"א:

א) פון רבי'ן ר' זושא פון האנופאליע

ב) פון רבי'ן ר' שמעלקי פון ניקעלשפורג

ג) פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער

ד) פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב

ה) פון רבי'ן ר' נחום טשערנאבילער

ו) פון רבי'ן ר' יודהלי פון גריידונג

ז) פון רבי'ן ר' אהרן קארלינער

ח) פון רבי'ן ר' לייביש פון אזירוב

7

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

ווינדערליכע מעשיות פון רבי'ן ר' זושא פון האניפאלע זצ"ל :

לעבין דער שטאט האניפאלי איז אמאהל גיוועזן איין מאנעווער . אונ דער שטיינער איז צווייא חברות זעלנער שטעלין זיך אויס איינער אקעגין דער אנדערער אונ זייא מאכין אמלחמה . אונ דיא חברה זעלנער וואס נעמין איין דיא מלחמה זייא בעקומין גרויסע מתנות פון זייערע אפיצירין . האט זיך דערמאלט גיטראפין אז נאך דער מאנעווער זענין גיגאנגין דיא חברה זעלנער וואס האבען איינגענימין דיא מלחמה דארך דער שטאדט האניפאלי זייער לוסטיג אונ זייא זענין ארין גיגאנגין אונ אקרעטשמע אונ האבין דארט אויס גיטרינקין אלע געטראנקין וואס עס איז דארט גיוועזין דער נאך האבין זייא זיך ווידער גיהייסין געבין צוא טרינקין איז שוין נישט גיוועזין . אונ פאר דיא אלע זאכין האבין זייא נישט געוואלט בעצאהלין זענין זייא בייז גיווארין אונ האבין געמאכט זייער גרויסע שאדינס אונ האבין צו בראכין אלע כלים פון קרעטשמע . דער נאך זענין זייא נאך נישט גיוועזן בערוהיגט אונ האבין אנגיהויבין צו שלאגין יעדין פון דער קרעטשמע אויך ווען זייא האבין גיזעהן האבין זייא גיזאגט אז זייא וועלין שלאגין צום טויט . וויא דיא מענטשין האבין דער זעהן אז עס איז שלעכט זענין זייא תיכף גילאפין צום רבי'ן ר' זושא אונ זייא האבין אים דערציילט דיא גאנצע מעשה איז דער רבי תיכף גילאפין אונ דער קרעטשמע ארין אונ האט זיך אנידער גישטעלט בייא דעם פענסטער אונ האט גיקוקט אונ דיא פענימער פון דיא זעלנער אונ האט גישריגין מיט גרוים התלהבות „ובכן תן פחדך" אונ וויא דער רבי האט אזויא אויס גישריגין דרייא מאהל איז גיפאלין אגרויסער פחד אויף דיא זעלנער ביז זייא זענין אלע ארויס גילאפין פון דער קרעטשמע אויך בעוויל עס איז גיוועזן אפילע שטיהב זעלנער אונ זייא האבין זייער מורא גיקריגין אונ האבין גימוזט ארויס לויפין דארך דיא פענסטער בעוויל זייא האבין נישט געקאנט דארך אלע דארך דער טהיער אינד האבין פערלאזט אלע זייערע זאכין אונ דער קרעטשמע אונ זענין אימגעלאפין אויף דער גאס וויא משוגעני זייא האבין נישט גיוויסט וויא זייא לויפין אינד אז זייא האבין בעגעגינט זייער אפיציר האבין זייא אים נישט אבגיגעבין דעם כבוד (טשעסט) וויא עס גיהער צוא זיין נאר זייא זענין אימגעלאפין . האט דער אפיציר זייא גיט אהן געשריגין ביז זייא זענין געבליבין שטיין אונ האבין געמוזט דערציילין וואס זייא האבין געזיהן אונ דער קרעטשמע. אויך האבין זייא דערציילט אז עס איז געקומין איין אלטער מאן אינד האט אויף זייא געשריגען „פחדך" ביז עס איז אויף זייא געפאלין אגרויסער פחד אינד זייא האבין גימוזט ארויס לויפין פון דער קרעטשמע אונ זייא האבין נאך דיא זעלבע שרעקיניש אינד זייא מיזין אזוי אים לויפין האט זייא דער אפיציר צוריק גיפיהרט צוא דער קרעטשמע אינד זייא האבין בעצאלט פאר אלע שאדינס אויך האט ער זייא בעשטראפט מיט א גרויסע שטראף וויא עס גיהער דאמאלס איזט פון זייא אוועק דער פחד . דער זכות פון דעם הייליגין צדיק זאל אינז בייא שטיין ולכל ישראל. אמן :

נאָך אַוואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זוסיא מהאניפּאָלי זצ"ל:

דער שטייגער פון רבי'ן ר' זוסיא איז גיוועזן אַז נאָך דעם דאַוונין שחרית האָט ער נישט גיזאָגט צו זיין משמש ער זאָל אים ברענגין זיין עסין. נאָר ער האָט צו זיך גיזאָגט מיט דעם לשון. רבונו של עולם זוסיא איז שוין הינגעריג. און ער גלוסט צו עסין. גרייט אים אָהן עסין. דעמאָלט אַז דער משמש פלעגט דאָס דער הערין האָט ער אים גיברענגט זיין סעודה און ער האָט גיגעסין. אַזוי איז גיוועזן דער שטייגער פון דעם אַלטין צדיק. אַמאָהל האָבין זיך די משמשים אַעצה געהאַלטין. אַז כל זמן ער וועט נישט זאָגין זייא זאָלין אים ברענגין עסין זאָלין זייא אים גאָר נישט געבין ביז ער וועט זייא זאָגין בפירוש. זייא זאָלין אים ברענגין. און אויב ער וויל פון השי"ת. זאָל אים השי"ת אָנברייטין גישט זייא. ביז ער וועט זייא זאָגין. און דער שטאָט האָניפּאָלי אַז עס פלעגט גיין רעגין איז און די גאַסין גיוועזן גרויסע בלאָטים און לייים. און עס איז גאָר שווער גיוועזן אַריבער צו גיין פון איין גאַס און דער אַנדערע. דאָרך די גרויסע בלאָטים נאָר עס איז גילעגין ברעטיר אַריבער צו גיין פון איין גאַס און דער אַנדערער אַריין. און דעם טאָג וואָס די משמשים האָבין זיך אַזוי איין עצה געהאַלטין אַז זייא זאָלין דעם רבי'ן נישט געבין קיין עסין ביז ער וועט זייא רעדין. איז זיך דער רבי גיגאַנגין און מקוה אַריין טובל זיין פאַר שחרית ווי זיין מנהג איז גיוועזן אַלע טאָג. איז אים אַקעגין גיקומין אַפרעמדער מענטש נישט פון זיין שטאָט. און דער מענטש האָט נישט גיקענט דעם רבי'ן ר' זוסיא ווער עס איז. האָבין זייא זיך צונויף גיטראָפין ביידע אויף די ברעטער וואָס זענין גילעגין און דער בלאָטע. וויא דער מענטש האָט גיזעהן אַז עס איז אים אַקעגין גיקומין איין אַלטער און אָרימע מלבושים נישט קיין שיינע. איז אים אויף גיגאַנגין אויף זיין דעה. ער זאָל פון אים מאַכין אַגילעכטער. האָט ער דעם אַלטין גיגעבין אַשטיפ אַראָפּ און דער זייט אַריין פערשטייט זיך אַז ער איז גיפאַלין און דער בלאָטע אַריין און האָט זיך אַיין גירעכט זיינע מלבושים. דער מענטש איז גישטאַנין און דער זקן איז ביי אים גיוועזן צו אַגרויס גילעכטער איז דער מענטש גיקומין און זיין סטאַנציע אַריין און האָט דערציילט זיין בעה"ב מיט אַגילעכטער וואָס ער האָט גיטוהן אַהיגען אַלטין מאַן. האָט אים דער בעה"ב גיפרעגט ווער איז דער זקן האָט ער גיענטפערט אַז ער ווייסט נישט ווער דער זקן איז גיוועזין. נאָר זיינע מלבושים האָט ער אוים גימאָהלט אַזעליכע מלבושים איז ער גיגאַנגין אָנגעטוהן. און אַזאַי היטיל איז ער גיגאַנגין אויף זיין קאָפּ. וויא דער בעה"ב האָט דאָס אוים געהערט האָט ער דערקענט אַז דער רבי ר' זוסיא גייט אָנגעטוהן און אַזעלכע מלבושים. אויך גייט ער אַליין אָהן אַ משמש. האָט דער בעה"ב אָנגעהויבין צו שרייען אויף דעם אורח וואָס האָט איר געטוהן? דאָס איז דאָך דער גרויסער צדיק ר' זוסיא וואָס ער איז מפורסים אויף דער וועלט איז דער אורח פון דער זאַך זייער דערשראָקין גיוואָרין. חאָטש ער איז נישט גיוועזן קיין גרויסער ירא שמים. פון דעסט וועגין האָט זיין האַרץ און אים ניקלאַפּט. און האָט חרטה געהאַט

אויף

אויף דעם וואס ער האט אזוי גיטוהן
צו דעם צדיק אומזינסט. האט ער
אנגעהויבען צו בעטין דעם בעה״ב
ער זאל עם געבין א עצה וואס צו
טוהן. איבער צו בעטין דעם צדיק
וייל ער האט מורא פאר זיין פערדראס.
האט איהם דער בעה״ב גיזאגט הער
נאך אוים. מיר היגע מענטשין ווייסען
דיא טבע פון צדיק. אז ער האט
ליב נאך זיין דאוויגען צו טרינקען
א ביסעל זיסען בראנפען אונ ציקער
לעקיך. איז מיין עצה אז די זאלסט
עם ברענגין זיסען בראנפין אונ עטליכע
שטיקליך צוקער לעקיך. אונ זאלסט
דאס אלעם אריין ברענגען אונ זיין
חדר אריין נאכ׳ן דאווינען אונ נאך
זיין אבלערנען אלע זיינע שיעורים.
אונ איר זאלט עם איבער בעטין אויף
דעם אלעם וואס איר האט קיינען עם
גיטוהן. אונ מיר ווייסען דאך זיין
טבע את זיין נאטיר. אונ זיין גרוים
גידרוקייט אז ער וועט אייך בוודאי
מוחל זיין. וייל ער איז גרינג איבער
צו בעטין. עס איז אזוי גיוועען. דער
מענטש האט אלעם אנגעגרייט. אונ
האט אליין גיברענגט צום רבי׳ן. דאס
איז גיוועען אונ דער צייט. ווען דער
רבי האט גיזאגט רבש״ע זוסיא איז
זייער הינגעריג. אונ ער גליסט צו
עסין גרייט איהם אהן זיין עסין. אזוי
האט ער גיזאגט עטליכע מאהל.
אונ דיא משמשים האבין עם נאר
נישט גיברענגט. אזוי וויא זייער עצה
איז גיוועזין. פליצלינג האט דער
מענטש גיעפינט די טהיר אונ האט
מיט זיך גיברענגט דעם בראנפין מיט
דעם לעקיך. האט ער גיבעטען דעם
רבי׳ן ער זאל איהם מוחל זיין. האט
עם דער רבי מוחל גיוועען אונ האט
פער זיכט פון דעם אלעם. וויא דיא
משמשים האבין דאס גיזעהן האבין
זייא זיך פערווינדערט אונ זייא האבין
שוין מורא געהאט ווידער צו שפעניגין
אונ איהם זכותו יגן עלינו אמן:

ווינדערליכע מעשות פון רבי׳ן ר׳ שמעלקי מניקלשפורג זצ״ל.

דער רבי ר׳ שמעלקי האט אונ זיין
יוגינד געהאט א חבר א גרויסער
עילעוי אונ א ירא שמים. וואס ער
איז דערנאך אויף גינימען גיווארען
פאר רב אונ יאנוב. דער רב איז
גיוועען א גרויסער מתמיד. אונ ער
האט גידינט הש״ית. נאר איין טבע
האט ער געהאט. אז ער איז גיוועען
אגרויסער עקשן. ער האט זיין דעה
נישט מבטל גיוועען פאר קיין שום
באשעפניש אונ דער וועלט. וויא עס
איז פערבייא גיגאנגין אצייט. האט
דער רב גיטוהן א שידוך מיט זיין
זוהן. מיט נאך א רב פון וייט. וויא
עס איז גיקומען דער זמן חתונה, האט
דער רב גיבעטין דיא לומדים אונ דיא
נגידים פון זיין שטאט זייא זאלען
מיט איהם פאהרען אויף דער חתונה
פון זיין עלצטין זוהן. פון זיין כבוד
וועגין. האבין זייא אזוי גיטוהן, אז
דיא לומדים מיט דיא נגידים פון זיין
שטאט זענען גיפאהרען אונ איין
גישפאנטע קאטשין פון זיין כבוד
וועגין. אונ דער רב איז גיפאהרען
אויף א ארינטליכע קאטש, מיט זיין
זוהן דער חתן, אונ מיט דעם ראש
הקהל פון שטאט. אונ נאך איינגער
מאן. א מופלג בתורה כדי זייא זאלין
קענין

קענין רעדין דברי תורה אויף דעם וועג. וויא זייא זענען גיפֿאָהרען אויף דעם וועג. איז גיקומען מנחה צייט איז דער רב מיט זיינע מענטשען אַראָפּ געגאַנגען פֿון דער קאָטש. זייא זאָלען זיך מכין זיין צו מנחה. אונ דער רב איז זיך געגאַנגען אונ אַ אַנדערע זייט אַריין צו פּאָרען זיך אונטער אַבויב. ווייל ער איז געוועזען אונ וואַלד. אונ זיינע מענטשען וואָס זענין געוועזען מיט איהם זענין תיכף צוריק גיקומען צו דער קאָטש. האָבין זייא גיוואַרט אויף דעם רב אַ לאַנגער צייט. אונ ער איז נישט גיקומען. דיא זין איז אונטער גיגאַנגען אונ דער רב איז נישט צוריק גיקומין צו זייא. איז דער חתן מיט דעם ראש הקהל מיט דעם יונגין מאַן נעגאַנגען זוכען דעם רב אונ וואַלד. טאָמער שטייט ער אונ דאַווינט אונ וואַלד. אָבער זייא האָבען איהם אומזוסט געזוכט זייא זענען זייער דערשראָקען געווארען ווייל עס איז פֿינסטער געוואָרען. זענען זייא צוריק געקומען צום גלייכין וועג. וויא זייער קאָטש איז גישטאַנין דער ווייל זענען אָהן געקומען נאָך עטליכע וועגען מיט מענטשען. וואָס זייא זענען אויך אַהין געפֿאָהרען אויף דער חתונה. האָבען זייא נעפרעגט פֿאַר וואָס מען שטייט אונ מיטען וועג. האָט מען זייא דערציילט אַז דער רב איז נישט דאָ. האָבען דיא מענטשען גיענטפֿערט אונ האָבין גיזאָגט. איר זאָלט נישט זאָרגען. ווייל מיר האָבען געזעהן אַז דער גביר מפורסים פפב"פ איז אויך געפֿאָהרען אויף דער חתונה לכבוד דעם רב, אונ ער איז אַליין געפֿאָהרען, קען זיין. אַז ער האָט דעם רב אויף גענימען אויף זיין קאָטש ווייל ער האָט איהם געזעהן שטיין אונ וואַלד. איז ער בוודאי מיט עם גיפֿאָרין וויא זייא האָבען דאָס געהערט. האָבין זייא אַלע מסכים געוועזען אַז עס איז אַזוי.. זענין זייא פֿון דאָרט אַוועק געפֿאָהרען. אונ אויף דעם גאַנצען וועג האָבען זייא איהם גיזוכט אונ נאָך גיפֿרעגט אויף איהם, אָבער זייא האָבין אַלע גיזאָגט אַז ער האָט גימיזט פֿאָהרין מיט דעם גביר פֿון דער שטאָט, וויא זייא זענין געקומען צו דער שטאָט וואו דיא חתונה איז געוועזען. האָבין זייא גיזעהן אַז דער מחותן דעם חתן׳ס פֿאָטער איז דאָרט נישט פֿער האַנדין האָבין זייא דערויף זייער גיטרויערט. אטייל האָבין גיזאָגט עס קען זיין דאָס דער מחותן איז צוריק אהיים גיפֿאָהרין ווייל ער האָט גיבלאָנדזשעט אונ וועג. האָט ער געקריגין אַ פֿיר אהיים צו פֿאָהרין כדי ער זאָל נישט מבטל זאַן פֿון תורה לערנין ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט אַז דיא חתונה וועט זאַן אָהן איהם אויך. סוף הדבר אַז בייד׳ע צדדים זענין געוועזען טרויעריג נאָך דער חתונה זענין דיא בעלי בתים פֿון יאָניב אהיים גיפֿאָרען. אונ אויף דעם גאַנצין וועג האָבין זייא געפֿרעגט אויב מען האָט נישט גיזעהן זייער רב. אונ יעדער האט גיענטפֿערט מיר ווייסין נישט פֿון איהם אונ מיר קענין איהם נישט. ביז זייא זענין אַ היים געקומען. האָבין זייא דעם רב נישט גיטראָפֿין אונ דער היים. האָבען דיא יאָניווער גישיקט שלוחים אונ יעדער שטאָט אַריין אַרום זייערע שטעט צו זוכען דעם רב. אָבער עס איז אַלעס געוועזען אומזיסט. דען דער רב האָט פֿער בלאָנדזשעט אונ וואַלט. האָט ער געוואָלט אַרויס גיין פֿון וואַלד צו דעם גלייכין וועג אָבער ער איז גיגאַנגען אונ קרומע וועגין. איז ער אַזוי פֿאַרקראָכין וויפֿיל מייל אין דעם וואַלד. דער וואַלד איז געוועזען זייער גרויס. פֿיעל מייל דוא לענג אונ דוא בריים וויא דוא זין איז

אונטער

אויף געשיינט . האָט ער זיך געשטעלט
אָב ריזען . אונ האָט געלייענט קריאת
שמע והתפלה אָהן טלית ותפילין איז ער
אזוי אום געגאַנגען אונ דעם וואַלד
עטליכע וואָכען בייַנאַנד געגעסען האָט
ער פון דיא וואַלד פירות . אונ ווען
ער איז מיד געוואָרען האָט ער זיך
געלייגט שלאָפען אונ וואַלד . ביז דאָרך
זיינע גרויסע צרות אונ דאַגות האָט ער
פערגעסען ווען עס איז שבת וויל ער
האָט זיך טועה געווען מיט זיין חשבון
אויף אַאנדערען טאָג . היינו עס האָט
זיך אים פערביטין אויף פרייטיג האָט
ער גימיינט אַז עס איז שבת . האָט
ער אים געהייליגט מיט וואָס ער האָט
נאָר געקענט אונ וואַלד . אונ השי"ת
האָט אים אָפּ געהיטען פון אַלע מיני
באַנגעגענישן אונ חיות רעות דאָרך
דעם זכות פון זיין תורה אונ מעשים
טובים ביז אונ עטליכע וואָכען
אַרום איז ער אַרויס גיקראָכען פון
דעם וואַלד איז ער געקומען צו אַ
דאָרף אין אַ מקום ישוב . אונ איז
געוואָר געוואָרען ווּיא ער איז קוים ער
איז אַהיים גיקומען . האָט ער זייא
דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט
אים פּאַסירט . וויא עס איז גיקומען
דאָנערשטיג פאַר נאַכט . האָט זיך דער
רב אָנגעהויבען מכין צו זיין אויף
שבת . אונ ער האָט זיך זייער פער
וואונדערט אויף זיין בני בית וואָס זייא
טוען נישט קיין שום הכנות אויף שבת .
אָבער זייא האָבען ;צו אים געזאָגט
אַז ער איז זיך טועה אונ זיין חשבון
וייל היינט איז דאָנערשטיג . אָבער
דער רב דאָרך זיינע צרות אונ וואַלד
איז ער אַריין געפאַלען אונ אַ מרה
שחורה אין אקיינען דער זאַך איז ער
געזען וויא אַ משוגענער נאָר ער רעכינט
נישט אונ זיין בני בית מיט דער גאַנצער
שטאָדט זענין זיך טועה . אונ עס האָט
אים נישט געהאָלפען קיין שום וויכוחים
אונ קיין טענות איבער צו שפּאַרין
אים פון דער מחשבה נאָר היינט
איז פרייטיג נישט דאָנערשטיג . האָבין
זייא גיקלערט אַז דער רב איז נישט
מיט קיין ישוב הדעת אונ דער זאַך .
אונ זיין בני בית זענין געוועזן זייער
בצער . נאָר וואָס האָבין זייא געקענט
טוהן . האָט מען אים גימוזט אָהן
גרייטין אַלעם אויף שבת . אונ דיא
נאַכט צו פרייטיג איז ער גיגאַנגין אונ
שוהל אַריין אונ האָט מקבל שבת
געוועזן בשמחה . דער גאַנצער עולם
האָט פון אים זייער געלאַכט אונ האָבין
געזאָגט אַז ער איז משוגע רח"ל . ער
האָט מכבד געוועזן דעם שבת בכבוד
גדול ער האָט געלייגט אונ ספר אונ
האָט געבענטשט גומל . קיין תפילין
האָט ער נישט גילייגט אונ נאָך זיין
שבת וויא עס איז גיקומען דער אמת'ר
שבת פון דער גאַנצער וועלט . האָט ער
גיזעהן אַז יעדער מענטש מיט זיין בני
בית גרייטין זיך צו אויף שבת .
האָט ער זיך אויף זייא גיבייזערט אונ
ער האָט גילייגט תפילין אויך האָט
ער גיטוהן אַ מלאָכה . אונ דיא שמחה
וואָס איז געוועזן אונ זיין הויז דורך זיין
קימען איז פאַר קעהרט געוואָרין צו
אַ טרויער אַזוי איז פערבייא גיגאַנגין
וויפיל וואָכין ,אונ זייא האָבין אים נישט
גיקענט איבער פירין פון זיין דעה . עס
זענין צו אים גיקומין פיל רבנים פון
אַרום אונ אַרום אונ האָבין אים גיבעטין
אַז ער זאָל מבטל זיין זיין
דעה . זייא האָבין אים גיברענגט
צייבוגם מיט ראַיות אז ער האָט זיך טועה
גיוועזן אונ זיין חשבון וויל ער איז
גיוועזן נע ונד אָבער ער האָט געהאַט
דיא טבע עקשנות ער האט זיין דעה
נישט מבטל גיוועזן פאַר קיינים אונ
דער וועלט . נאָך דער צו איז זיין דעה
גיוועזן צו מישט אונ דער זאַך האָטש
אונ אַנדערע זאַכין איז ער גיוועזן איין
שכלדיגער

שכל׳דיגער מענטש . נאר און דעם
איז ער גיוועזן א משונענער. און האט
זייא נישט געהארכט ביז דוא זאך
איז געהערט גיווארין צום רבי׳ן ר׳
שמעלקי . וואס ער איז דאמאלס גיוועזן
שינאווער רב . איז דער רבי ר״ש צו
אים גיפאהרין און איז צוא אים
גיקומין אים דאנערשטאג דעם וואס
ער איז ביא דעם יאניבער רב גיוועזן
ערב שבת . האבין זייא זיך זייער
גיפרייט דורך דעם ליבשאפט פון דער
יוגינד . דער יאניבער רב האט גיפרעגט
דעם רבין ר׳ שמעלקי אויב ער וועט
ביא אים זיין אויף שבת האט ער
אים גיענטפערט אז ער איז נאר דארך
דעם גיקימען דער רבי ר׳ שמעלקי
האט צו זיין בני בית גיגעבין א ווינק
אז זייא זאלין זיך אהנגרייטין אויף
שבת אזוי וויא עס געהער צו זיין
פארליג דעם חשבון פון זייער שטאט
רב . אויך זאלין זייא אנגרייטין נוטין
ווין אויף שטארקען . דאנערשטיג נאך
האלבין טאג זענין זייא גענאנגען און
מקוה ארין און פאר נאכט האבען
זייא אנגעטיען שבת׳דיגע קליידער און
זייא זענין ביינאנד גענאנגען
דאווינין מיט דעם שטאט רב . האבין
זיך דיא גאנצע שטאדט פער וואנדערט
אויף דעם רבין ר׳ שמעלקי . אז ער
איז ח״ו אויך מודה צו דעם יאניבער
רב . דער רבי ר״ש האט מכבד גיוועזן
דעם יאניבער רב ער זאל מקבל שבת
זיין . אבער דער רבי ר׳ שמעלקי מיט
דיא בעלי בתים האבין גידאווינט אזוי
וויא אונ דער וואכין . נאך דעם
דאווינין זענין זייא אהיים גיגאנגין
בשלום אזוי וויא פרייטיג צו נאכט
מיט גרוים שמחה . דער גאנץ יענין
גיקומען צום רבין פיל מענטשין לכבוד
דעם טייערין אורח דער רבי ר״ש און
זייא האבין גיזאגט שלום עליכם מיט
גרוים שמחה דער נאך האבין זייא
גימאכט קידוש און האבין זיך
גיזעצט עסין . ביא דעם טיש האבין
זייא גירעט דברי תורה און דער רבי
ר״ש האט גיזאגט צום יאניווער רב
אז ער דארף מאכין א סעודה אויף
דעם נס וואס ער איז אהיים געקומין -
דעריבער זאל ער געבין אסך ווין .
האט דער ר׳ ר״ש גיזאגט צום
רב אז ער זאל טרינקין וועט ער
אליין אויך טרינקין . דער ר׳ ר״ש
האט גיבעטין ער זאל נאך מיין
טרינקין . און דארך דעם ווינק וואס
דער רר״ש האט גיגעבין האט מען
דעם רב גיגעבין זייער אלטין וויין .
אז דער וואס טרינקט אים פאלט
ער אנידער און שלאפט אלאנגע
צייט . עס איז אזוי גיוועזן עס איז
גיפאלין א שלאף אויף דעם רב מיאניב
איז ער אנטשלאפין גיווארין נעבין
דעם טיש און מיטין דער סעודה . האט
דער רבי ר׳ שמעלקי גיגעבין א ווינק
צו די בעלי בתים אז מען זאל פאמעלך
ארינטער לייגין אקישען אונטערין רבים
קאפ . איז ער גישלאפין בערוהעט
און דער רבי ר״ש האט זיך גינימין
די פייקע און האט גירייכערט טיטין.
און דיא בעלי בתים האט ער יעדין
געהייסין אהיים גיין צו זיין מלאכה
און בעזה״י וועט אלעס גיט זיין . נאר
מארגין ביינאכט . דעם אמת׳ין
פרייטיג צו נאכט . און דער איינינער
צייט זאלט איר זיך צונויף קימטען
צום רב אזוי וויא יעצט . דער רבי
ר״ש איז גישטאנין און האט געהיטין
מען זאל דעם רב נישט איבער וועקין
אפילו קיין פויגיל . און דער יאניבער
רב איז גישלאפין ביז פרייטאג צו
נאכט פרייטאג צו נאכט האט דער
רבי ר׳ שמעלקי גידאווינט ביא דעם
רב פאר זיך . און צו דער סעודה איז
זיך דיא גאנצע שטאדט צוזאמין גיקומין
אזוי וויא נעכטין ביא נאכט און

דער

דער יאַניבער רב איז נאָך געשלאָפען. דער רבי ר' שמעלקי האָט אָב געגעסען די סעודה פון פרייטיג צו נאַכט מיט גרויס שמחה. ער האָט געזאָגט תורה פאַר דעם עולם וואָס זענען געזעסען אַרום זיין טיש ביז האַלבע נאַכט. דער נאָך האָט ער אויף געוועקט דעם יאַניווער רב פון זיין שלאָף און האָט צו אים געזאָגט. יאַניוועער רב שטייט שוין אויף צום בענטשען. האָט ער זיך אויף געכאַפט און האָט געזאָגט צום רבין ר"ש. עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין לאַנג געשלאָפען האָט ער זיך געוואַשען די הענד. און ער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תורה בייא דעם טיש צום רבין ר' שמעלקי דער נאָך האָבען זייא געבענטשט. און ער האָט ביז צו זיין טויט נישט געוויסט דערפון אדרבה ער האָט זיך בערימט אַז דיא גאַנצע וועלט זענען ציא אים מודה און מאַכען שבת פאַרליג זיין חשבון. אויך האָט ער זייער געדאַנקט דעם רבין ר' שמעלקי. וואָס ער האָט אים צו געהאָלפען נאָך צו ציהען זיין גאַנצע שטאָט צום אמת פאַרליג זיין חשבון דען זייא האָבען אַלע פאַר לאָזט זייער נאַרישען וועג. און מאַכען דעם שבת אַזוי וויא ער מאַכט אַזוי האָט ער געגלייבט בייא זיין גאַנץ לעבען. נאָך שבת זענען דיא גרויסע לאַט פון דער שטאָט געקימען צום רבין ר"ש און האָבען אים זייער געדאַנקט. אָבער דער רר"ש האָט אויף זייא גוזר געווען זייא זאָלען שווייגען נישט צו רעדען פון דער זאַך. דאַמאָלס איז דער רבי ר' שמעלקי מפורסם געוואָרען פאַר אַ גרויסען בעל מופת זכותו יגן עלינו אמן.

איך אַ וואונדערליכע מעשה פון רבין ר' שמעלקי מניקלשפורג זצ"ל.

דער רבי ר' שמעלקי איז אַמאָהל דורך געפאָהרען דאָרך דער שטאָט קראָקא איז צוא אים געקימען אַיודענע מיט אַקינד אויף דיא אָרים. און האָט פאַר אים געוויינט. אַז זיא האָט שוין געהאַט פיל קינדער און זייא זענען אַלע געשטאָרבען יונגער הייט און דאָס קינד איז אויך געווען זייער שלאַף האָט זיא מורא אַז ער זאָל נישט שטאַרבען אַזוי וויא זיינע ברידער האָט דער רבי ר"ש גענימען זיין פאַרטשיילע און האָט עפּיס אַיינגעוויקעלט און איר. האָט ער איר געזאָגט. נאַ דיר די פאַטשיילע מיט דעם וואָס עס איז און איר איינגעוויקעלט און גייא צום היגען רב. ער וועט דיר זאָגען וואָס דוא זאָלסט טוהן. און ער איז אַוועק געפאָרען דיא יודינע האָט נישטוהן אַזוי וויא דער רבי האָט זיא געהייסען. איז זיא געגאַנגען צום דאָרטיגען רב ר' יצחק לאַנדע און האָט אים דער ציילט דיא גאַנצע רייד וואָס דער רבי האָט צו איר געזאָגט. האָט זיא אים געגעבען דיא פאַטשיילע. דער רב האָט אויף געבינדען דיא פעטשיילע האָט ער געזעהן אַז עס ליגט און איר אַרענדיל האָט ער נישט געוויסט וואָס צו טוהן. דיא אשה איז געזעסען בייא דעם רב און האָט געוואַרט אויף תשובה. האָט זיך דער צדיק זייער מצער געווען. און דעם איז צו אים אַריין געקומען איינער פון זיינע קרובים און האָט צו אים געזאָגט. צו האָט איר געהערט דאָס נייעס? דער רוסישער קייזער איז שלאַף געוואָרען האָט ער געשיקט

גישיקט נאָך דעם בערלינער פּראָפעססער . אונ ביא זיין דורך פאָהרין. האָט ער דאָ אבגיטרעטין . ער זאָל זיך אָפּ ריעֶן פון דעם וועג . ער שטייט אונ דער סטאַנציע אונ ער וויל פאַר איין וויזיט אַ רענדיל . וויא דער רב האט דאָס געהערט האָט ער פער שטאַנין אַז דאָס איז גיוועֶן דעם רר״ש כונה האָט ער דער יודינע גיגעבין דאָס רענדיל . אונ האָט זיא געהייסין גיין צום ליבלינער פּראָפעססאָר האָט זיא אזוי גיטוהן איז דאָס קינד גיוועֶן גיזונד , אונ ער האָט נאָר לאַנג גילעבט :

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ שְׁמֶעלְקִי מִנִיקָלְשְׁבּוּרְג ז״ל .

אַמאָהל איז דער רבי ר׳ שמעלקי גיוועֶן שבת אונ דער שטאָט סאַמביר . איז דאָרט גיוועֶן אַיונגער מאַן איין עילוי . אונ דער שטייגער פון רבין ר׳ שמעלקי איז גיוועֶן . אַז ביא יעדיר שלש סעודות . האָט ער גיפרעגט ווער עס האָט עפּיס צו פרעגין אַווינדערליכע קשיא זאָל ער אים דערציילין אונ ער וועט דערויף זאָגין אַתירוץ . אונ דעם שבת האָט ער אויך אַזוי גיזאָגט . האָט זיך דער יונגער מאַן אָהן גירופין . אַז ער האָט אַגרויסע קשיאָ צו פרעגין ער האָט זיא שוין גיפרעגט אַסך לומדים אונ זייא האָבין אים גאָר נישט גיוויסט צו ענטפערין . האָט ער יעצט אויך גיפרעגט דיא קשיא . האָט דער רבי ר״ש אַרויף גילייגט זיין האַנד אויפן שטערין אונ גיקלערט . האָט ער נישט גיפינין קיין ענטפער דער נאָך האָט דער רבי ר׳ שמעלקי אַנידער גילייגט זיין קאָפּ אויף דער האַנד אָנגישפּאַרט אונ טיש . אונ האָט גיקלערט . דער נאָך האָט ער אויף געהויבין זיין קאָפּ אונ האָט גיזאָגט אַווינדערליכען תירוץ . איז דער יונגער מאַן דערשראָקין גיוואָרין אונ האָט גיגעבין אַשפּרינג . אונ האָט גישווירין אַז דאָס איז נישט קיין מענטשליכער שכל . דער רבי ר׳ שמעלקי פלעגט נאָר רעדין אום שבת לשון הקודש . האָט ער גיזאָגט איך האָב געהערט אַז עס איז דאָ פערהאַנין אַ עילוי . ביסט דיא דאָס דער עלוי ? האָט ער גיענטפערט איך בין דאָס . האָט ר׳ שמעלקי גיזאָגט איך האָב געהערט אַז דיא ביסט בקי אונ גאַנץ ש״ס . צו איז דאָס אמת ? האָט ער גיענטפערט יאָ האָט ער אים גיפרעגט אויף איין אֶמוראָ וויא פיעל מאָהל ער ווערט גיבראַכט אונ דער גמראָ . האָט ער אָנגעהויבין צו רעכינין דיא אַלע ערטער וואָס דער אֶמוראָ האָט גיזאָגט . את האָט זייא צו נויף גירעכינט . אונ דער מיט האָט ער פערגעסין איין אָרט וואָס דער אֶמוראָ ווערט דאָרט גידענקט . האָט אים דער רבי ר״ש גיזאָגט איך האָב דיך גיחאַפּט ביא איין מאמר האָט דער עילוי גיענטפערט טאָמער איז דאָס איין אַנדערער נוסח . אונ דאָס איז אויף דעם אָרט . האָט אים דער רבי ר׳ שמעלקי דעמאָלס גיגעהבין אַקיש אונ זיין שטערין :

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ שְׁמֶעלְקִי פון נִיקֶעלְשְׁפּורג.

אַמָאהל איז דער רבי ר׳ שמעלקי גיוועזן אונ דער שטאָט לעשנוב האָבין זיך צו אים פערזאַמילט פיל מענטשין אונ דער רבי פון נעסחיז איז דעמאָלע נאָך גיוועזן אַיונגער מאַן בייא זיין שווער אונ לעשנוב. דער מנהג פון דעם רבין ר׳ שמעלקי איז גיוועזן. אַז אונ דער צייט ווען ער האָט גינעבין שלום צו דיא מענטשין וואָס זענין גיקומין. איז ער גיזעסין בייא איינע אָפּענע גמרא אונ האָט גילערינט. אונ מיט די פינגער פון דער לינקער האַנד האָט ער זיך צו גיוויזין אונ דער גמרא. אונ ער האָט גילערינט זייער גיך. אונ דיא רעכטע האַנד איז גיוועזן אויס גישטרעקט. אונ אַלע וואָס זענין גיקימין האָבין אָהן גירירט אונ זיין האַנד. אָבער ער האָט אויף זייא גאָר נישט גיקיקט. אונ צווישין דעם עולם איז גיקימין דער רבי ר״מ פון נעסחיז אויך. אונ האָט אָהן גירירט אונ זיין האַנד. האָט באַלד דער רבי ר׳ שמעלקי אויף געהויבין צו אים זיינע אויגין. אונ האָט אויף אים גיפרעגט ווער ער איז:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ שְׁמֶעלְקִי מִנִיקֶלְשְׁפּורג ז״ל.

עס איז אַמאָהל גיוועזן אַשלעכטע גזרה אויף דיא מענטשין פון זיין שטאָט איז דער רבי ר׳ שמעלקי גיפאָרין מיט זיין תלמוד ר׳ משה לייב פון סאָסוב קיין ווין אונ דעם קייזערס הויף אַריין. דאַמאָלס איז צו גאַנגין דער שנייא אונ דעם טייך דונאי אונ דיא פאַליעס פון דעם וואַסער זענין גיגאַנגען מיט אַשטאַרקין שטראָם. אונ עס איז נישט מעגליך גיוועזן איבער צו פאָהרין מיט קיין שום שיף. נאָר וויל דיא צייט איז גיוועזן זייער שרעקליך. דען דיא גזרה האָט שוין גיזאָלט אַרויס גיין. האָט דער רבי גיזאָגט צום שיפפער. ער זאָל נעמין אַ קליינע מילטער עס זאָל נאָר קענין זיצין דערויף צווייא מענטשען. איז דער רבי ר״ש מיט זיין תלמיד רמ״ל אַריין גיגאַנגין אונ דעם שיפיל. אונ האָבין זיך אויפגישטעלט. האָט דער רבי גיזאגט אַז ישיר״ אונ זיין תלמוד האָט גיענטפערט נאָך אים. איז דאָס שיפיל גיגאַנגין צווישין דיא שטיקער אייז מיט שטאַרקייט אָהן אַ מכשול. אונ אין דער אַנדערער זייט טייך זענין גישטאַנין דיא מענטשין פון דער הויפט שטאָט האָבין זייא זיך פער ווינדערט. איז גיוואָרין אַ גרויס רעש. ביז מען איז גיקימין אונ מען האָט דיא דיא זאַך דערציילט דעם קייזער. איז מען פון דאָרט אויך אַרויס גיגאַנגען האָט מען גיזעהן דיא ווינדערליכע זאַך וויא ער איז גיקימען אונ שטאָט אַריין האָט ער באַלד גיפועלט מען זאָל מבטל זיין דיא גזרה. וויל דער קייזער מיט דיא שרים האָבין גיזעהן זיין גרויסקייט:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ שְׁמֶעלְקִי מִנִיקָלְשְׁפּוּרג ז״ל

אַמָאהל אום ראש השנה פאַר תקיעות. איז גיקומין אלי׳ הנביא מיט נאָך אַזקן פאַר דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך ז״ל האָבין זיי אים דערצייהלט אַז עס איז גיוועזן אַ גרויסער קיטרוג אַז דיא וועלט איז כמעט גיוועזן גרייט חרוב צו ווערין דאָרך פאַר טומלינג. נאָר צווייא מענטשין פון דעם דור האָבין אינטער גילעהנט דיא וועלט זיא זאָל נישט חרוב ווערין. האָט דער רבי ר׳ אֶלימלך גיפרעגט ווער איז דאָס דער זקן האָט אלי׳ גיענטפערט דאָס איז אַברהם אָבינו. האָט ער גיפרעגט ווער זענין די צווייא מענטשין וואָס האָבין אינטער גילעהנט דיא וועלט. האָט אלי׳ גיענטפערט אייגער איז דער רבי ר׳ שמעלקי פון ניקלשפורג. אונ דער צווייטער ווער איז? האָט אלי׳ גיזאָגט דיא ביסט נישט ראוי. איך זאָל דאָס דיר מאַכין וויסין. נאָך ר״ה איז דער רבי ר׳ אֶלימלך גיפאָרין צום רבין ר׳ שמעלקי ער זאָל אים דאַנקין. וויא ער האָט גיפינט דיא טהיר. האָט דער רבי ר״ש גיזאָגט שלום עליכם. דיא זאָלסט וויסין אַז ווען נישט איך אונ דיא. איז די וועלט שיעור גיוועזן גרייט פערלאָרין צו ווערין. דאַמאָלס איז ער גיוואָר גיוואָרין אַז ער איז גיוועזן דער צווייטער:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ שְׁמֶעלְקִי מִנִיקָלְשְׁפּוּרג ז״ל

דער רבי ר׳ יהושע העשיל פון אַפטי איז גיוועזן נעבין דער שטאָט מאָהליב. האָט ער גיזאָגט צו זיינע חסידים לאָמיר פאָרין קיין מאָהליב מקבל פנים זיין. דיא צדיקת מרת טרים. וויא זייא האָבין דאָס געהערט זענין זייא אַלע פריער גילאָפין אונ דער שמאָס אַריין צו דער צדיקת אונ שטוב אַריין. וויא זייא׳ זענין אַהין גיקומין איז גיוואָרין אַגרויסער רעש אונ שטוב. האָט זיא גיפרעגט וואָס איז דאָס דער רעש? האָבין זייא גיענטפערט דער אַפטער רבי וועט אַהער קומין. וויא׳ דער צדיק איז צו איר אַריין גיקומין. האָט מען אים מכבד גיוועזן אונ מען האָט אים גיזעצט אויף דער שטיל דער נאָך האָט זיא דער צדיק גיבעטין זיא זאָל אים עפיס דערציילין פון אירע הייליגע ברידער האָט זי אים עפיס דערציילט אַפּאַרכטיגע מעשה. אַזוי איז גיוועזן דער אָנהייב מעשה עס איז ידוע צו יעדין אַז מיין ברידער דער רבי ר׳ שמעלקי איז גאָר נישט גישלאָפין. נאָר ער איז גיזעסין ביא טאָג אונ ביא נאַכט אונ האָט גילערינט תורה. נאָר אַז עס איז פערבייא גיגאַנגין פיעל וואָכין וואָס ער איז נישט גישלאָפין אונ ער איז שלעפעריג גיוואָרין האָט ער זיך מורא געהאַט צו לייגין אויף דעם בעט כדי ער זאָל נישט לאַנג שלאָפין האָט ער געהאַט שטיין אויף דעם טיש אַ גלעזיל וואַסער. ער זאָל זיך האָבין צו וואַשין דיא הענט האָט ער אַנידער גילייגט זיין שטערין אויף דעם גלעזיל. כדי ער זאָל נישט לאַנג שלאָפין:

אַמָאהל איז ער גיזעסין ביא נאַכט אונ האָט גילערינט. איז אויף אים גיפאַלין אַגרויסער שלאָף אונ האָט בשום אופן נישט גיקענט לערנין מיין. האָט ער אַנידער גילייגט זיין שטערין אויף דעם גלעזיל וויא זיין מנהג איז גיוועזן. דערווייל איז דאָס לעכט פערלאָשין גיוואָרין

האָט

האט ער זיך אויף גיחאפט פון זיין שלאף תיכף האט ער גיזעהן אז דאס ליכט איז פערלאשין גיווארין. האט ער דער פון גיהאט אגרויסין צער. אונ דער שטיב וויא ער האט גילערינט איז גיוועזין אגרויסער שטאק אונ א גאניק. אונ דארף זיינע ע"נ וואס ער האט יעצט געהאט ווייל ער קען נישט לערנין. האט ער נישט גיוויסט וואס צו טוהן. האט ער גינימין דאס ליכט אונ איז ארוים גילאפין אויף דעם גאניק ארויף ער זאל פון דארט אראפ גייען אהן צינדען דאס ליכט. וויא ער איז גיקומין אויף דעם גאניק האט אים איינער דערלאנגט אויף דעם גאניק ארויף אליכט וואס האט זיך גיברענט אונ האט אים גיזאגט ער זאל זיך אהן צינדען זיין ליכט. איז אזוי גיוועזן ער האט זיך אהן גיצינדין דאס ליכט. אונ האט זיך צוריק גיזעצט לערנין. דער נאך וויא ער איז אביסיל בערוהט גיווארין האט ער זיך דערמאנט אונ האט גיזאגט. דער גאניק איז דאך הויך פיהל הייכין פון א מענטש וויא אזוי דאט דער מענטש געהאט אזא לאנגע האנד ער זאל מיר דער לאנגין אליכט אויף דעם גאניק ארויף: האט זיך דער רבי דערויף פערוואונדערט. ער איז בוודאי נישט קיין פראסטער מענטש. האט ער אנגעהויבין מיהד צו זיין שמות מען זאל אים מודיע זיין פון הימעל ווער דאס איז גיוועזן. האט מען אים מודיע גיוועזן פון הימיל אז עס איז גיוועזין אגרויסער רעש. ווייל ווען זיין ליכט איז פערלאשין גיווארין האט גיפעהלט תורת אמת. אונ וואס דער רבי ר' שמעלקי האט געהאט ע"נ. האט מען תיכף גישיקט אלי' הנביא ער זאל אהן צינדין זיין ליכט. וויא מיין ברידער האט דאס דעהערט. האט ער אנגעהויבין זייער צו וויינין אונ האט זיך גיפאנגט פיעל חדשים. פאר וואס מען האט מטריח גיוועזן אלי' פון זיינט וועגין. אזוי האט ר' שמעלקי'ס שוועסטער דערציילט דעם אפטער רבי'ן דאמאלס איז דיא שטיב גיוועזן פיל מיט מאנזביל אונ ווייבער מיט קליינע קינדער. האט זיך דער אפטער רבי גינעבין אשטעל אויף מיט אגישרייא אונ זייער אגרוים גיוויין. אונ האט גיזאגט האט איר געהערט דיא גרויסע עבירה פון רבי'ן ר' שמעלקי? וואס מען האט בוודאי מטריח גיוועזן אלי' נאר וועגין תורת אמת. אויף דער עבירה האט דער רבי ר"ש געהאט אזעלכע גרויסע צרות. האט ער זיך גיגעבין אווארף אנידער אויף דער ערד אונ האט גיוויינט מיט אביטער גישרייא אונ האט גיזאגט. אויב אויף אזא זינד האט זיך דער רבי ר"ש אזוי גיפייניגט. וויא אזוי זשע טיען מיר אונז תשובה. דאמאלס האט כמעט דער גאנצער עולם מיט גיוויינט מיט אים. זיין זכות זאל אונז בייא שטיין אמן:

נאך א מעשה פון רבין ר' שמעלקי פון ניקלשבורג זצ"ל.

דעם רבי'ן פון לובלינ'ס פאטער האט מיט אים געטוהן א שידוך פון דער שטאט קראסניבראד מיט אפאסטין נגיד. וואס האט געהאלטין אקרעטשמי אינטער דער שטאט. דיא נאכט פאר דער התונה בייא דער סעודה חתן מאהל

מאָהל וואָס מען פלעגט דאַמאָלס מאַכין. האָט דער חתן גיזאָגט צו זײַנע חברים. אַז זײַן כלה האָט אַ פּנים וויא אַגויע. האָבין זייא דאָס אָבדערציילט צו זײַן פאָטער דער יוזעפאָווער רב. האָט ער אויף אים זייער אָהן גישריגין. וויא עס איז גיקומין דער טאָג פון זײַן חופּה. האָט ער זיא מקדש גיוועזן כדת משה וישראל. נאָר תיכף נאָך דער חופּה איז ער אַנטלאָפין פון דאָרט. און איז אַזוי גיגאַנגין און וועג אַגאַנצע נאַכט. דעם צווייטין טאָג איז ער גיקומין און אַדאָרף אַרײַן וואָס עס האָט דאָרט גיוואָהנט אַ יוד מיט דעם נאָמין ר׳ דניאל. און ער איז נאָך גיגאַנגין אָהן גיטוהן און דיא חופּה קליידער. אַזוי וויא אַחתן און דעם טאָג פון דער חופּה. האָט ער גיבעטין דעם דאָרפס מאַן ער זאָל אים געבין עפּיס צו עסין. ווײַל ער האָט נאָך גיפאַסט פון דעם חופּה טאָג אָהן. פון דאָרט איז ער ווײַטער גילאָפין און איז גיקומין צום רבּין ר׳ שמעלקי. האָט ער בײַא אים גילערינט צווייא יאָהר און דער ישיבה. דער רבּי ר׳ שמעלקי האָט גיזאָגט אַז און דיא צווייא יאָהר האָט דער רבּי פון לובלין בײַא אים מקבל גיוועזן אַלע זײַנע מעלות. און דער צײַט איז זײַן פאָטער צו אים גיקומין און האָט גיבעטין דעם רבּין ר״ש אַז ער זאָל אים אײַנרעדין ער זאָל אַהיים פאָרין. האָט אים דער רבּי ר״ש גיענטפערט אַז ער קען זײַן זוהן גאָר נישט זאָגין קיין דעה און דער זאַך. און דער רבּי פון לובלין האָט גיבעטין זײַן פאָטער אַז ער זאָל אים נישט קיין סך בעטין ער זאָל אים ח״ו נישט ברענגין ער זאָל עובר זײַן אויף כיבוד אב. דער סוף איז גיוועזן אַז און אַ קאָרצע צײַט האָט זיך זײַן כלה כופר גיוועזן. און דער צײַט וואָס דער לובלינער איז גיוועזן און זײַן יוגינט בײַא דעם רבּין ר״ש האָט ער זיך נוהג גיוועזן אַז אַלע טאָג האָט ער גיזאָגט ברכות מיט אַהויך קול פאַר זײַן רבּין ר׳ שמעלקי. און דער רבּי ר״ש האָט נאָך גיזאָגט אָמן. האָבין זיך דיא רעשטע תלמידים און אים מקנא גיוועזן האָט זיי דער רבּי ר׳ שמעלקי גיזאָגט. אַז אויף דעם לובלינער׳ס ברכות ענטפערין דאָס גאַנצע פמליא של מעלה אויך נאָך אָמן:

נאָך אַ מעשה פון רבּין ר׳ שמעלקי פון ניקלשבורג זצ״ל

דער רבּי ר׳ שלמה פון קשאַנוב. האָט נאָך זײַן חתונה גיהערט אַז דעם רבּין ר׳ שמעלקי האָט מען אויף גינומין פאַר רב קיין ניקילשפורג. האָט אים זײַן ווײַב גיהייסין פאָרין קיין ניקילשפורג ער זאָל דאָרט לערנין תורה. האָט ער זיא גיהאָרכט און איז גיפאָרין קיין ניקילשפורג האָט אים דער רבּי ר״ש צו גינומין זייער אָרינטליך. האָט אים דער רבּי ר״ש גיזאָגט אַז ער איז גיקומין און אַ גיטע צײַט. ווײַל דיא רבּנים פון „מעהרין" האָבין גיזאָגט אויפין רבּי׳ן ר״ש אַז ער איז נישט קיין גדול בתורה און גמרא נאָר און קבּלה. דאָס איז גיוועזן ווײַל ער פלעגט מיט זייא נאָר רעדין לשון הקודש. און האָט זיך מיט זייא נישט מפלפל גיוועזן וויא זייא ווילין. דעריבער אַז דער רבּי פון קשאַנוב איז גיקומין. האָט זיך דער רבּי ר״ש זייער גיפרייט. און האָט צו אים גיזאָגט. דיא וועסט זיצין און מײַן

מיין רעכטע האנד. און וועסט זיך מיט זיא מפלפל זיין. אזוי וויא זיי ווילען. אויך מיט דוא תלמידים זאלסטו דיך אויך מפלפל זיין. האט ער אזוי גיטיען. אונ איז ביא אים גיזעסין צוויא יאהר. האט ער גיזאגט. איך האב דוא מעהרישי רבנים אויס גירוסין דיא בערד אונ האב זיא גיוויזין אז זיא קאנען נישט אונ אמת׳ין לערנען נאר שווינדיל אמאהל איז אזאיינער גיקומין מיט אקשיא. ער איז גיוועזן אגרויסער עקשן האט זיך דער רבי ר׳ שמעלקי איינגיבויגין זיין קאפ. אין האט עפיס איינגירוימט אין אויער דעם רבי׳ן פון קשאנוב. דאמאלס האט ער זיך אנגעהויבען מפלפל צו זיין מיט דעם וואס האט גיפרעגט דוא קשיא. איז ער אוועק גינאנגין מיט איין אראפ גיבויגענין קאפ. אונ דער צייט האט דארט גילערינט דער רבי ר׳ יעקב יצחק פון לובלין. ער איז אויך גיוועזן צוויא יאהר נאך דער חתונה. אונ ער פלעגט זיצין אונ דער ישיבה אויף אנידריג ארט נאך אלע תלמידים. ער פלעגט נאר נישט פרעגין אזוי וויא דוא רעשט בחורים. אונ ער האט נישט גיקיקט חוץ פון דוא פיר איילין. נאר ער פלעגט שטענדיג האלטען דוא אויגין אראפ. נאר דער גאון פון ניקילשפורג האט אים זייער ליב געהאט. פיל מאהל כלעגט דער רב פון קשאנוב קלעהרין וויא אזוי ער זאל גיוואר ווערין אויף וואס פאר אמדרגה דער לובלינער לערינט אמאהל איז דער לובלינער צו אים צו גיקומין מיט דער גמרא אונ האט אים גיפרעגט אתוספות. דאמאלס האט דער רב פון קשאנוב פערשטאנען אז דער לובלינער איז אגדול בתורה. וויל דער פירוש פון תוספות איז גיוועזן פארמאכט עס האט אים קיינער נישט גיוויסט. נאר וויל דער רב פון קשאנוב האט גילערינט ביא ארבי׳ן וואס ער איז גיוועזן בקי אונ גאנץ ש״ס. האט אים דער רבי גיזאגט דעם פשט. האט אים דער רב פון קשאנוב גיזאגט דעם פשט. האט אים דער לובלינער גיזאגט אדאנק. אונ איז זיך אוועק גיגאנגען. דער נאך איז ער צו גיקומין נאך אמאהל צום רב פון קשאנוב ער זאל אים זאגען פשט אונ אתוספות. האט ער אויך געזעהן אז דער פשט איז אזוי וויא פער חתמיט. האט אים דער רב פון קשאנוב גיזאגט זאג דוא פריער פשט מיט דיין שכל האט אים דער לובליער גיענטפערט. פאר וואס זאלט איר מיך וועלין פרוווין. איך בין דאך אייך גיקומען פרעגין. האט אים דער רב פון קשאנוב גיזאגט דעם פשט. האט אים דער לובלינער גיזאגט אדאנק אונ איז זיך אוועק גיגאנגען. אונ דער רב פון קשאנוב האט נישט זוכה גיוועזן ער זאל פון אים הערין קיין שום זאך. נאר ער פלעגט תמיד זיצין באהעפט אונ דער דינסט פון השי״ת אונ זיין פנים איז גיוועזן זייער שיין וויא עס איז פערביא גיגאנגען צוויא יאהר האט דער לובלינער גיזאגט צום קשאנוב־ער אז ער קלערט שוין אהיים צו פארין. זענען זיא ביידע גינאנגען נעמין רשות ביא דעם רבי׳ן ר׳ שמעלקי זיא זאלען אהיים פארין. האט ער זיא גיבענטשט אונ אבגיזעגינט. האט דער רבי פון לובלין גיזאגט. איך וויל דער רבי זאל מיך לערניי וואס איך זאל לערנען אונ דער היים האט ער אים גיענטפערט זאלסט לערנין „עץ חיים” (דאס איז אקבלה ספר) האט אים דער רב פון קשאנוב גיפרעגט רבי וואס זאל איך לערנין אין דער היים? האט ער אים גיענטפערט זאלסט לערנין גמרא מיט תוספות. איז אים זיין הארץ אנטפאלין גיווארען אונ ער האט אנגעהויבין צוא וויינין:

ווייגין. האט אים דער רבי פון ניקלשפורג גיפרעגט נאך וואס וויינסטו עס איז בייא דיר אקליינע זאך גמרא מיט תוספות. האט אים דער רב פון קשאנוב גיענטפערט איך זעה אז דער רבי איז מיך מייאש. דאמאלס האט אים דער רבי ר"ש גיזאגט איר זאלט אמאהל לערנין אין דעם ספר „שערי אורה". פון דאנין קענין מיר זעהן דאס גרויסקייט פון דעם רבין ר"ש אז אפילו זיינע תלמידים זענין גרויס גיוועזן בפרט ער אליין. זיין זכות זאל אונז אונז מגין זיין ולכל ישראל אמן :

נאך אמעשה פון רבי'ן ר' שמעלקי פון ניקלשפורג זצ"ל.

אז דער רבי ר' שמעלקי איז גיקימין קיין ניקלשפורג האט אים אגביר אחסיד פאר בעטין אויף קאפע. מען האט אים מכבד גיוועזן מיט אלערלייא כלים אונ איינע איז גישטאנין דא קאפע אונ אין איין כלי דו מילעך. האט דער רבי ר"ש גיפרעגט וויא איז דו מילעך? האט אים דער גביר גיוויזין מיט זיין פינגער אויף דעם טיש אז דארט שטייט דו מילעך. וויא עס איז פערבייא גיגאנגען אפאהר רגע. האט ער נאך אמאהל אים גיפרעגט וויא איז דיא מילעך? איז דאס בייא דעם גביר גיוועזן אוואונדער. האט ער פערשטאנין אז דאס איז נישט אימזיסט פרעגט ער. איז ער גלייך גילאפין צוא דער בעל הבית'טע פרעגין אויף דער מילעך. איז ער גיוואר גיווארין. אז דיא מילעך איז גימעלקט גיווארין דארך אגוישע דינסט אין מען האט נישט אכטינג גיגעבין. וויל מען האט פארגעסין. איז דער גביר צוריק גילאפין אין האט גיזאגט דעם רבין ר"ש עס איז אמת מען טאר דיא מילעך נישט טרינקין. נאר פאר וואס האט איר נישט גיזאגט אז דיא מילעך איז טרפה. אין ווידער פאר וואס האט איר גיפרעגט וויא איז דיא מילעך. האט אים דער רבי גיענטפערט עס שטייט אין ש"ע „אז דיא מילעך וואס אגוי האט גימאלקין אין איד זעהט נישט איז דיא מילעך אסור" איז דער פשט אז דיא מילעך איז אסור קאן זיא איודנישט זעהן דעריבער האב איך גיפרעגט וויא איז דיא מילעך. וויל איך האב זיא גאר נישט גיזעהן. דער זכות פון דעם רבין ר' שמעלקי זאל אינז בייא שטיין ולכל ישראל אמן :

ווינדערליכע מעשיות פון דעם רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל.

אמאהל האט דער רבי ר' מאיר'ל גיזאגט צו ר' נתן שמעונין. נתן שמעון דיין שטאט איז דאך בייא דער גרעניץ. זאלסט וויסין אז עס וועט קימין איד. איד. אונ האט גישריגין מיט אהויך קול איד. זאלסטו

זעהן אים צו טוהן אַטובה. וויא עס איז פערבײַא גינאַנגין עטליכע יאָהרין איז דער ריזינער צדיק אַנטלאָפין פון רוססיאָ. אונ איז ניקימען צו דער דאָרטינער גרעניץ איז ר׳ נתן שמעון גיוואָר גיוואָרען. איז ער אַהין גיפאָרין אונ האָט גיטראָגען דעם ריזינער צדיק אויף זײַן אַקסיל איבער דעם גיפרורינים אײַז וואָס איז דאַמאָלס גיוועזן. איז דאָס אײַז אויף גיבראָכען גיוואָרען. האָט דער צדיק גיגעבין אַציטער. האָט ר׳ נתן שמעון צו אים גיזאָגט רבי. וואָס עס וועט זײַן זאָל זײַן. אונ איך וועל אײַך נישט אָב לאָזין. איז ער ניקומען צו דער גרעניץ איז דאָרט געשטאַנען וועלטער־ס האָט ר׳ נתן שמעון גיזאָגט צום רבי׳ן אַז ער זאָל אַביסיל זיצין אונ דרויסין. אונ ער איז אַרײַן גיגאַנגען אונ דעם שטיביל פון די וועכטער־ס אונ האָט זיך מיט זײַא גיזעצט שפילען אונ קאָרטין. האָבין זײַא בײַא אים פערדינט פיר הונדערט רובעל. דאָס איז אַלץ גיוועזן כדי דער צדיק זאָל קײַן פחד נישט האָבין. אונ איז מיט אים ניקומען אונ שטאָט אַרײַן:

נאָך אַ מעשה פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער זצ״ל:

אונ דער צײַט ווען דער ריזינער צדיק האָט גיוואָהנט אונ סאַדיגערי האָט דער רבי ר׳ מאיר׳ל גישיקט אַשליח מיט אַבריף צום ריזינער אונ האָט אָהן גיזאָגט דעם שליח אַז ער זאָל דעם בריף אַרײַן לײגין אונ זײַן שיך אַרײַן אונ זאָל אים קײנים נישט געבין נאָר דעם ריזינער אַלײַן. אונ אַז ער וועט קומין צום ריזינער זאָל ער אויס טוהן זײַן שיך אונ געבין דעם בריף צוא דעם צדיק. וויא ער איז גיקומען קײַן סאַדיגורא האָט ער גיזאָגט אַז ער האָט אַבריף פון פרעמישלאַן האָבין אים די גבאים גיבעטין ער זאָל זײַא געבין דעם בריף. האָבין זײַא אים גילאָזט אַרײַן גײן צום רבי׳ן האָט ער זיך אַנידער גיזעצט אונ האָט אויס גיטוהן זײַן שיך אונ האָט אַרויס גינומין דעם בריף אונ האָט אים גיגעבין דעם רבי׳ן איז דאָרט אַזוי גיוועזן גישריבין „דער שבועות קומט אַלע מאָהל נעהנטער. איז מען מחויב צו עסין מילכדיגי עסין וואַרג. ווײַס איך נישט ווי אַזוי איך זאָל מיך נוהג זײַן מיט די קרעפליך זאָל איך עסין אײנס איז. ווינציג. זאָל איך עסין צווײַא איז זונות. אונ דרײַא איז צוא פיהל״ האָט דער ריזינער גיענטפערט דעם שליח. ער זאָל מאַכין אײנס וואָס איז גרויס אַזוי וויא צווײַא וועט ער יוצא זײַן אַלע דעות:

נאָך אַ מעשה פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרעמישלאַנער זצ״ל.

איין הכיר איז גיקומין פאַר ראש השנה צום רבי׳ן ר׳ מאיר אונ איז
בײא

בײא אים גיוועזען ר"ה. נאך ר"ה האט אים דער רבי גיזאגט אויף יום הקדוש זאלסטו פארין קײן סאדיגעריא צום צדיק ר' ישראל ז"ל וױיל אויף יוה"כ איז בעסער צו זײן בײא אים אונ אויף סוכות זאלסטו צוא מיר קומין. ווייל אויף סוכות איז בעסער צו זײן בײא מיר. האט אים דער חסיד גיזאגט רבי ווי אזוי איז מעגליך איך זאל צו אײך קומען אויף סוכות אונ די עטליכע טעג וואס זענין צווישין יוכ"פ צווישין סוכות. ווייל איך האב נישט מײן וואגין. האט אים דער רבי ר"מ גיענטפערט דער עולם וועט נאך דאווינען נעילה אונ מען וועט שרײען „שערי שמים פתח" וועט שוין שטײט אהן גינרײט אונ מארק פון דײנים וועגין. ווערסטו קענין אהער קומען דער ר' נתן שמעון איז אויך דאמאלס גיוועזען אויף ר"ה אונ פרעמישלאן. זענין זײא בײדע גיפארין קײן סאדיגערי אויף יוכ"פ. אונ ווען מען האט נאך גידאווינט נעילה. איז ר' נתן שמעון ארויס גיגאנגין. האט ער גיזעהן אז עס איז אהנגיקומין אקאטש מיט דרײא פערד. האט ער גיזאגט צוא דעם מענטש אײער וואגין שטײט שוין. פון לאנג אונ דרויסין איז אזוי גיוועזען אונ ער איז גיקומען קײן פרעמישלאן אויף סוכות.

נאך א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל.

אײנער פון דער שטאט טשעריץ האט קײן קינדער נישט גיהאט פלעגט ער פארין צו ר' מאיר פרעמישלאנער. אונ ער פלעגט אים אלע מאהל צו זאגין אז ער וועט האבין קינדער. אונ אין דער צײט איז ר' ישראל מריזין גיקומען קײן סאדיגורא. איז דער מענטש גיקומען אויף א שבת קײן פרימשלאן. נאך שבת האט אים דער רבי גיזאגט. איך שיק דיך קײן סאדיגערי צום ריזינער צדיק. דארט ווערסטו האבין ארפואה. האט ער אים גיעפינט דאס טיש קעסטיל אונ האט פון דארט ארויס גענימין אשליסיל האט ער גיעפינט א שאפע אונ האט ארויס גענומען אחלה פון די י"ב חלות. אונ האט אזוי גיזאגט צוא דעם מענטש איך גיב דיר א סימן צום ריזינער צדיק די חלה. די זאלסט אים זאגין אז דאס איז פון מײנע צוועלף חלות. דער נאך האט ער גיזאגט צו דעם מענטש איך וועל דיר געבין נאך א סימן די זאלסט זאגין דעם ריזינער צדיק אז ער נײט אין דעם קײזערים וועג. אין איך גײא אונ דער שטשעשקי דער נאך קומען מיר בײדע אויף אײן ארט. האט דער מענטש גיוואלט אוועק גײן. האט אים ר"מ גיזאגט איך וועל דיר געבין נאך א סימן. עס איז שוין פערצין יאהר אז די פאהרסט צוא מיר האסטו בײא מיר א חזקה זאלסט אים שבת זינגען יום זה מכובד. דעריבער וואחין איך דיך אז די וועסט קומען צום ריזינער צדיק. עס מעג זײן אונ וועלכין טאג עס וועט זײן. זאלסטו אב זינגען דעם גאנצין זמר יום זה מכובד. דער מענטש איז זיך אוועק גיפארין קײן סאדיגורא ווי ער איז אהין גיקומען

אונ

און מוטין דער וואך האט ער גיזאגט די גבאים אז ער האט עפיס איין בעפעהל פון ר"ם צום ריזינער זענין זייא זייער פריילך גיוועזן. ווייל אונ דער צייט איז דער ריזינער גיוועזן טרויעריג מכל שכן דיא גבאים. ווייל אונ ווייען האט ־ער סאנד דאמאלס גיקלערט אויב מען זאל דעם ריזינער צוריק אהיים שיקען קיין רוססיא. וויא זייא האבין נעהערט דעם בעפעל פון רבין ר"ם. האבין זייא זיכער גיוויסט. אז פון דעם בעפעהל וועט בוודאי דער ריזינער אביסיל פריילך אונ דערקוויקט ווערין האבין זייא אים גילאזט ארייין גיין. אונ דיא גבאים זענין אויך אלע ארייין גיגאנגין זייא זאלין הערין דעם בעפעהל. האט דער מענטש גיזאגט מיין רבי ר' מאיר'יל האט צו אייך גישיקט איר זאלט מיר מבטיח זיין קינדער אונ ער האט אייך גישיקט אחלה פון זיינע י"ב חלות. האט דער ריזינער גיעפינט דאס טיש קעסטיל אין האט ארויס גינימען אשליסיל. האט ער גיעפינט א שאפע אונ האט ארייין גילייגט דיא חלה דער נאך האט דער מענטש גיזאגט רבי. איך האב צו אייך נאך א סימן מיין רבי האט גיזאגט. אז ער גייט אונ א שטשעשקע. אונ איר גייט אונ דעם קייזערס וועג דער נאך וועט עטין ביידע קימען אויף איין ארט דער נאך האט דער מענטש גיזאגט איך האב נאך א סימן „יום זה מכובד" האט ער אנגעהויבין צו זינגין יום זה וכו' מיט אהויך קול ביז ער האט גיקאנטשיט דעם גאנצין זמר. האט דער ריזינער צדיק אנגעהויבין זייער צולאכין אונ דיא מענטשין וואס זענין דארט גישטאנין האבין זיך אויך זייער צו לאכט. ביז זייא האבין שוין נישט קיין כח געהאט דארט צו שטיין. דער נאך האט דער ריזינער גיזאגט. איך ווייס נישט נאך וואס ער שיקט צו מיר. אונ וואס ער וויל פון מיר. פארט אהיים לשלום. ווייל איר האט שוין א ישועה דער מענטש איז אהיים גיקומען האט ער גיהאט אישועה מיט קינדער אונ מיט כל טוב. אויך איז אונ דעם טאג גיקאנטשיט אונ דעם וויענער סענאט. אז דער ריזינער איז אנעבוירענער פון סאדיגורא. דאס איז גיוועזן דער יום זה מכובד:

אך א מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל,

אין דער צייט ווען ר' מאיר איז נאך יונג גיוועזן. אונ ער איז נאך נישט גיוועזן אזוי מפורסם. איז זיין שטייגער גיוועזן אז ער פלעגט פארין קיין נאוויסעליץ אין בעסראביע. אטייל מענטשין פלעגין אים יא האלטין פאר אגעטליכין מאן. אין דער צייט איז ארויס גיגאנגין אגזרה אז קיין שום יוד זאל נישט וואהנין ציען וויארסט נעבין דער גרעניץ זעגין צוא אים מענטשין גיקומען אין האבין אים דערציילט פון דער גזרה האט ער זייא גיענטפערט דוא גזרה וועט גיך בטל ווערין. אונ פון דעם פעסטונג זאלט איר מאכין א שוהל עס איז אזוי גיוועזן אונ אקארצע צייט האט דער רוסישער קייזער גידארפט צו ברעכין דאס פעסטונג. האט מען אוים גערופין אז יעדיר זאל זיך נעמין שטיינער פון דעם פעסטונג. האבין זייא פון דיא שטיינער גימאכט אשוהל:

נאָך אַמעשה פון רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער זצ"ל ,

אַמאָהל איז דער רבי ר' מאיר ניקומען קיין סניאַטין אויף שבת . זענען אַלע חשובים צו אים ניקומען שבת . און האָבין אים מכבד גיוועזן וויא עס געהער . זענין זייא מיט אים . גינאַנגין און שוהל אַריין דאַווינען . דער מנהג איז גיוועזן אַז ר' מאיר־יל פלעגט אַליין ליינען און דעם ספר און צוזשין איין מענטש צווישין דעם אַנדערין פלעגט ער געבין שלום צו דיא אורחים וואָס זענין צו אים ניקומען . צווישין דיא מענטשין איז גיוועזן איינער אַגיבוירענער פון סניאַטין האָט ער גינעבין שלום דעם רבין און האָט גיזאָגט בזה הלשון . רבי מיך דאַרפט איר קענין ווייל איך בין בער'ס אודן וואָס דער רבי איז בייא אים גיוועזן מיט עטליכע יאָר צוריק . האָט דער רבי גיענטפערט אמת . איך קען דיך טאַקי יעצט רבותי הערט מיך אוים . וועל איך אייך דערציילין דיא מעשה וואָס עס האָט זיך מיר גיטראָפין און סניאַטין ווען אַלע גוטע יודין האָבין מאיר'ן גיטריבין . ווייל זייא זענין ברוגז גיוועזן וואָס מאיר איז מגלה סודות . האָב איך גיקלערט צו פאָהרין קיין מאָלדאַווא און זאָל דאָרט ווערין אַמניד און אַשטאָט וויא איך בין מיפאָרין בין איך גיקומען קיין סניאַטין אום פרייטיג . בין איך איין גישטאַנין בייא דעם ר' בער . דעם מענטש'ס פאָטער . דער ר' בער האָט מיר אָבגינעבין אַחדר בכבוד גדול . וויא מאיר איז גיזעסין און חדר און האָט מעביר גיוועזן דיא סדרה . זענין צוא מיר אַריין ניקומען צווייא יונגע לייט קאָסיבער חסידים מיט כעס . און האָבין מבזה גיוועזן מאיר'ין אַזוי וויא איינים פון דיא לאָבאַסים

און זייא האָבין כמעט מאירין גיוואָלט שלאָגין . נאָר השי"ת איז דאָך אָבער תמיד מיט מאירין . פלוצלינג האָבין זייא דערהערט דיא טריט פון דעם מענטש ר' בער דער בעה"ב זענין זייא אַרוים גילאָפין וויא מאיר האָט גיזעהן אַז זייא זענין אַנטלאָפין בין איך אויך אַרוים גיגאַנגין . איך זאָל זעהן אויב עס איז נאָך דאָ צייט צוא אַנטלויפין און איין נאָהנטין דאָרף אַריין אויף שבת . חאָטש דאָרט וועט נישט זיין קיין מקוה . וועט מאיר גיין אין טייך זיך טובל זיין . איז אָבער שוין גיוועזן שפעט האָט מאיר גיפיזט בלייבין אין סניאַטין אויף שבת. מאיר האָט זיך אָבער מיט גיניסען רעצעפטין אויף דעם וועג . דהיינו . איינים פון דיא יונגע לייט זאָל אָהן חאַפין אַשטעכיניש און דעם אַנדערינס ווייב זאָל זיין אַ מקשה לילד . איז אַזוי גיוועזן . וויא דיא יונגע לייט זענין אַהיים ניקומען איז איינער שלאַף גיוואָרין מיט שטעכיניש . און דעם צווייטינס ווייב איז גינאַנגין שווער צו קונד . האָט מען גירופין דאָקטורים . און עס האָט נישט געהאָלפין . דער מקשה לילד'ס פאָטער האָט גיזאָגט צוא זיין איידים דאָס איז נישט אַנדערש . נאָר דיא האָסט גיטשעפיט מיט דעם רבי . האָט ער גילייקינט ביז זיין שווער איז שטאַרק און כעס גיוואָרין . און האָט אים גישלעפט בייא דיא פאות און האָט גישריגין ער זאָל מאירין גיין איבער בעטין . אַז נישט וועט ער אים אוים רייסין . איז דער יונגער מאַן גיקימען און האָט גיבעטין מחילה . האָט אים מאיר גיזאָגט . גייא אַהיים דיין ווייב האָט גיווינען אַבן זכר למז"ט

לטוז"ט. דער צווייטער יונגער מאן וואס עס האט אים אנגיחאפט אשטעכיניש קאט ער נישט גיווארט מען זאל אים שלעפין בייא דיא פאות נאר ער האט אליין גישריגין. מען זאל גיין מאירין איבער־בעטין. ווארין עס האט אים זייער גישטאכין. וויא זייא זענין גיקומען צוא מאירין בעטין מחילה האט אים מאיר אויך מוחל גיוועזן איז ער גיזינד גיווארין. נא יעצט רבותי אמת אז מאיר דארף דעם יוד קאנין. ווייל ווען נישט זיין טאטע וואלט דאמאלסט גיוועזן אהן גיקומען. וואלטין די יונגע לייט מאירין גיוועזן גישלאגין אונ הש"י האט גימאכט אז דעם מענטש'ס פאטער זאל זיין דער שליח מציל צו זיין מאירין פון שלעכטע הענד. נא בעדארף מאיר זיין זוהן מקרב צו זיין קימט אייך צו זאגין שלום עליכם:

נאך א מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל.

דער יאשניצער רב איז אמאהל גיוועזן אויף שבת בייא ר' מאיר'ין דאמאלס איז אויך גיוועזן דער בעש"ט'ס איין אייניקיל אויף שבת. פרייטיג צו נאכט האט דער רבי ר"מ אים גירעט שטיק ווערטער. אונ האט אים זייער מבזה גיוועזן. שבת אונ דער פריא האט דער רבי אויף גירופין דעם יאשניצער רב שלישי. אונ דעם בעשט'ס אייניקיל מפטיר בייא דער צווייטער סעודה איז דעם בעש"ט אייניקיל גיקומין שפעט ווען דיא חסידים זענין שוין גיזעסין בייא דעם טיש האט אים דער רבי נישט געהייסין זעצין אויבין אהן האט ער זיך גיזעצט פון הינטין. דער יאשניצער רב האט זייער נישט גיקענט ליידין דיא עגמת נפש פון דעם בעש"ט'ס אייניקיל. זונטאג האט דעם בעש"ט אייניקיל גיזאגט צום יאשניצער רב. איך ווייס נישט וואס דער רבי וויל פון מיר מיט דעם וואס ער האט מיך מבזה גיוועזן. דער נאך זענין זייא אוועק גיפאהרין פון דארט. אונ איינציגע טעג ארים איז דער יאשניצער רב גיוואר גיווארין. אז דעם בעש"ט'ס אייניקיל איז גיפארין דארך אנרויסין בארג. איז ער אראפ גיפאלין פון דער קאטש אין איז געהרגיט גיווארין רח"ל. איז ער דאמאלס גיוואר גיווארין ר"מ כוונה. ווייל דער רבי האט דאך גיזעהן. האט ער עס גיוואלט מבטל זיין דארך דיא פארשעמינגין וואס ער האט אים מבזה גיוועזן. נאר ווייל דעם בעש"ט'ס אייניקיל האט זייא נישט מקבל גיוועזן באהבה דארך דעם האבין אים נישט געהאלפין דיא בזיונים עס זאל פון אים בטל ווערין דיא גזרה.

נאך א מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל

איינער איז גיקומען פאר דעם רבין ר' מאיריל. אונ האט אים דערציילט

זאג

זיין ביטער הארץ. אז פריער איז ער געווען אַרויסער עושר און יעצט איז ער געוואָרין איין אָרימאַן ר״ל. האָט ער איהם געענטפערט. אַז דיא חעסט אַהיים פאָרין זאָלסטו תיכף מאַכין לאָדין צוא דיינע פענסטער: האָט איהם דער מענטש געזאָגט. פאַר וואָס הערשט ניט לאַנג האָב איך דאָך געמאַכט נייע לאָדין צו מיינע פענסטער. נאָך וואָס דאַרף איך האָבין נייע. האָט איהם דער רבי געזאָגט איך האָב דאָך דיר שוין איינמאָל געזאָגט דיא זאָלסט מאַכין נייע לאָדין וועט דיר ניט זיין. איז ער אַהיים געפאָרין און האָט געמאַכט נייע לאָדין איז ער ביסלעך ווייס געוואָרין מער נגיד. ביז ער איז שוין געוואָרין אַזוי ווייא פריער. איז ער געפאָרין צום רבין. איהם אָב צו געבין אַ דאַנק פאַר זיין ברכה. האָט איהם דער רבי געזאָגט עס שטייט דאָך בפירוש. אין כסף לאָדון זה. אבל יש כסף לאָדון אַחר:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּ׳ין ר׳ מֵאִיר׳יל פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער זצ״ל.

אַמָאהל איז דער צאַנזער רבי געקומין צו ר׳ מאיר׳לין. ווייא ר׳ מאיר׳יל האָט געפילט אַז דער צאַנזער קומט אָהן צו איהם. האָט ער געזאָגט צו זיין גבאי. אַגרויסער רבי און אַצדיק קומט אָהן צו מיר גייא נעך און דער סטאַנציע אַריין און זאָלסט פרעגין אויב עס איז אַהער געקומען אַרב. איז דער גבאי געגאַנגין און האָט געפרעגט. האָט מען איהם געענטפערט עס איז דאָ נאָך קיינער נישט געווען. ווייא עס איז פערביי געגאַנגין אַפּאָהר שעה האָט ער נאָך אַמאָהל געשיקט דעם גבאי דאָמאָלס איז שוין דער רב געהאַט געקומען. האָט איהם דער גבאי געפרעגט וועד ער איז צו ער איז אַרב. האָט דער צאַנזער געפרעגט דעם גבאי נאָך וואָס ווילסטו אַזוי נייטיג וויסין זוער איך בין? האָט ער איהם געענטפערט אַז דער רבי האָט איהם געשיקט פרעגין. און ער וויל אייך זעהן. האָט איהם דער צאַנזער געענטפערט איך בין דער רב. און איז תיכף געגאַנגין מקבל פנים זיין ר׳ מאיר׳לין. נאָך דעם ווייא זייא האָבין זיך אָבגעפרייט האָט דער רבי ר״מ געזאָגט צום צאַנזער. צאַנזער רב. איר זענט דאָך פון דעם ב״ד הגדול. דעריבער זאָגט מיר אויב מאיר דאַרף וואָהנין און אַזעלכע קליינע דירות איז דען נישט ראוי אַז מאיר זאָל וואָהנין און בעסערע און ארינטליכערע דירות דער צאַנזער רב האָט נישט תיכף פערשטאַנין זיין הייליגע כונה. האָט ער איהם געזאָגט בוודאי איז אַיושר אַז מאיר זאָל וואָהנין און ברייטערע און שענערע דירות. האָט ר׳ מאיר איהם געזאָגט אויב איר זאָגט אַזוי. וועל איך טוהן אַזוי ווייא איר הייסט מיך. תיכף האָט דער צאַנזער פערשטאַנין זיין טיפע כונה האָט ער געזאָגט. איך מיין נאָר אַז אויף דער וועלט זאָלט איר וואָהנין און שענערע דירות. האָט איהם ר״מ געזאָגט דיא זאַך איז שוין פערפאַלין. איך האָב נאָר געוואָלט אייער הסכמה. אַז איר האָט מיר אויך מסכים געווען וועט בוודאי אַזוי זיין. און עטליכע וואָכין אַרום איז דער צדיק ר׳ מאיר׳יל נפטר געוואָרין:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רַבִּי'ן ר' מֵאִיר'ל פְּרֶעמִשְׁלַאנֶער זצ"ל :

אין פרעמישלאַן איז גִוועזן איין מסור וואָס ער פלעגט זייער מצער זיין דעם רבין ר' מאיר האָבּין ר"ם קרובים צו אים גִזאָגט. צו קען אים דער רבי נִישט מאַכין פאַרלירין פון דער וועלט. האָט זייא דער רבי גִזאָגט. יעצט וויל איך אים נִישט שעלטין. דאָרך איין פערבּאָרגִנים טעם. איך פערהאָף אַז ער וועט נאָך קלויבּין בּיינער אונטער מיינע קִינדער'ס טִיש. עס איז אַזוי גִוועזן נאָך ר"מ טויט האָבּין דיא חסידים פון זיין טיקאַלייעבער איידים. גִזעהן אַגרויסין הִינט אונטער דעם רבינ'ס טִיש וואָס ער פלעגט קומען אַלע טאָג און האָט גִקליבּין בּיינער אונטער דעם טִיש:

נאָך אַמַעֲשֶׂה פון רַבִּין ר' מֵאִיר'ל פְּרֶעמֶעשְׁלַאנֶער זצ"ל .

עס איז גִוועזן איינער און דער שטאָט בּראָדי ער האָט גִעהייסין אשכנזי בּאַסעכים ער פלעגט שטענדיג פאָרין צו ר"ם אַמאָהל האָט דער מענטש גִזאָגט אַז ער וויל זיך קויפין אַ קבר לעבּין זיינע עלטערין און בּראָדי. האָט אים ר"ם גִזאָגט דיא בּעדאַרפסט נִישט. דיא בּיסט נִישט קיין בּראָדער. עס איז אַזוי גִוועזן דער מענטש אִין גִפאָרין האַנדלין קיין רוססיא. איז ער גִשטאָרבּין און דובּנא :

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רַבִּין ר' מֵאִיר'ל פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער זצ"ל :

איינער פון בּראָדי פלעגט צו אים פאָרין עטליכע מאָהל און יאָהר אויף אַ שבת אַמאָהל איז ער צו אים גִקומען דאָנערשטיג האָט אים דער רבי מאיר'ל גִזאָגט פאָהר געך אַהיים וועל איך וויל נִישט דיא זאָלסט דאָ זיין אויף שבת. האָט דער מענטש גִמוזט אַהיים פאָהרין. איז ער גִקומען קיין בּראָדי פרייטיג. איז ער גִנאַנגין און מרחץ אַריין האָט אים פליצלינג אָהנגעחאַפּט אַציטערניש און ער איז גִשטאָרבּין. האָבּין מענטשין פון פרעמישלאַן דערציילט אַז תיכף ווי ער איז אַרויס גִנאַנגין פון זיין שטיבּ האָט דער רבי גִזאָגט. ער איז גִקומען מיר פערשטעהרין דעם שבת לאָז ער פאָהרין אַהיים:

נאך א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל:

ר' אברהם בנימין קלוגער איז אמאהל ניקומען קיין לבוב צו זיינעם א פריינד דער מו"ץ פון לבוב וויא ער איז ארייון ניקומען האט ער גיזאגט איך פרייא מיך זייער. וואס איר זענט היינט אהער ניקומען. וויל עס איז ביי מיר דא איין עושר וואס איז צוא מיר ניקומין האבין איין דין תורה. אין ער איז גיוועזן ביי אייער פאטער בשעת ער האט זיך פערזאמילט מיט ר' מאיר'לין וועט ער אייך דערציילין א מופת פון דיא צווייא צדיקים. אזוי וויא זייא האבין גירעדט איז דער מענטש אריין גיקומען אונ שטוב אריין וויא ער האט געהערט אז דער ר' אברהם בנימין איז ר' שלמה קלוגער'ס אזוהן. איז דער מענטש ארויף גיפאלין אויף זיין האלז אונ האט אים גיקישט. האט דער עושר גיזאגט איך וועל אייך דערציילין א מופת פון אייער פאטער אונ פון ר' מאיר'לין. איך האב געהאלטין דעם אקציז אונ אדארף נעבין דער שטאדט פאמארין. דיא גוים פון דעם דארף זענין גיוועזן זייער שטארק פלעגין זייא גנבינין דעם אקציז. האב איך גאר נישט פארדינט. אונ מיין געלד איז אוועק גינאנגין אזוי וויא דער רויך. איז מיר נישט איבער גיבליבין נאר מיין גוף. אונ דער צייט ווען אייער פאטער איז זיך צונאנט ניקומען מיט ר' מאיר'לין אונ פאמאהרין. האב איך געהערט שמיעסין פון זייער קימען אונ ביהמ"ד. וויא איך האב דאס געהערט בין איך גלייך גילאפין אהיים צו מיין ווייב אונ האב איר דערציילט אז איך וויל פאהרין אונ דעם דארף ארייון וואס דיא צווייא צדיקים האבין זיך פערזאמילט. אונ זאל זייא דערציילין מיין ביטער הארץ. האט מיר מיין ווייב דערויף מסכים גיוועזן. בין איך צוא זייא גיפארין. וויא איך בין ארייון ניקומין איז דארט גישטאנין טויזינד טויזענדער מענטשין אונ שטיב אונ מען האט זייא נישט אריין גילאזט. וויל דיא צדיקים האבין זיך פערשלאסין אונ א בעזינדער חדר. איך אבער. דאך מיינע פיל ענ"נ האב איך מיך דארך גישטיפט דארך דעם גרויסין עולם. בין איך צו ניקומין צו דער טהר אין האב מיך אהן נעהאלטין ביי דעם שליסיל פון דער טיר. דער גבאי וואס איז נישטאנין ביי דער טור איז שטארק ביז גיווארין. אונ האט מיר גיזאגט. אוי! דיא שלעכטער מענטש. דיא זעהסט דאך אז גבירים אונ רבנים שטייען דא פון פאר טאג אהן אונ זייא קענין נישט ארייון גיין. וויל דיא צדיקים האבין זיך פערשלאסין אונ א בעזינדער חדר. אונ דיא ביסט דאך אפראסטער מענטש שטעלסט דיא דיך אינטער ארייון צוא גיין. אונ אזוי וויא ער האט גירעט האט ער מיר גינעבין אשטארקין קלאפ אויף מיין האנד וואס זיא האט נעהאלטין ביי דעם שליסיל. אונ וויל עס האט מיר זייער שטארק וויא ניטוהן האב איך גישריגין גיוואלד ביז דיא צדיקים האבין נעהערט מיין קול. האבין זייא גיזאגט צום גבאי דער מענטש וואס האט גישריגין גיוואלד זאלסטו אים ארייון לאזין האט דער גבאי אזוי גימיזט טוהן. וויא איך בין ארייון ניקומין אונ דעם חדר ארייון. האב איך גיזעהן אז דיא צדיקים זיצין איינער קיינין דעם אנדערין אונ רעדין

שטילערהייט

שטילערהייט אונ גרויסע זאַכין. בין איך גישטאַנען זייער איבער גישראָקען אונ האָב נישט גיקענט עפינען מיין מויל פון צו רעדין עפיס. האָט מיר ר' טאירל גיזאָגט וואָס איז דיין באַגעהר. האָב איך מיט שאָקילדיגע לעפצין אָנגעהויבין צו דער ציילין אַלע מיינע צרות. האָט דער רבי ר"מ. גיזאָגט צו איער פאָטער מיט דעם לשון „בראָדער מגיד" לאָמער ביידע זאָגין „ותקופתו על קצותם" זיין תקופות זאָל זיין אויף דעם אַקציז. האָבין זייא ביידע אַזוי גיזאָגט איך האָב דאַמאָלס נישט פערשטאַנען דיא כונה פון דיא רייד בין איך דאָרט נאָך גישטאַנין. האָט מיר ר"מ גיזאָגט וואָס שטייסטו. איך האָב דאָך דיר גיזאָגט ותקופתו על קצותם. חאָטש איך האָב דאַמאָלס אויך נישט פערשטאַנין דיא כונה פון דיא רייד. האָב איך פון דאָרט גימוזט אַרויס גיין. אונ בין אַהיים גיפאָרין. האָט דער גביר אויס גיפירט. וואָס זאָל איך אייך זאָגין מיינע טייערי מענטשין. פון דאַמאָלס אָהן איז גיפאַלין אַפחד אונ אַגרויסע מורא אויף דיא ערלים אונ זייא האָבין אויף געהערט צו גנבינין דעם אַקציז. איז מיין שטאַנד אַלע מאָהל בעסער גיוואָרען. אַז יעצט בין איך ב"ה אַנגיר אונ פעלדער. איך פערמאָג היינט מיין וויא דרייסיג טויזנד רו"כ:

נאָך אַמעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאַנער זצ"ל.

עס איז גיוועזן איינער פון ר' מאיר'ילס גרויסע חסידים וואָס זענין ביי אים גיזעסין אויבין אָהן פלעגט ער שטענדיג צוא אים פאָהרין אויף יוכ"פ אַמאָהל האָט זיך גיטראָפין ער איז גיגאַנגען צוא פיס צום רבין וויא ער איז גיקומין עיו"כ אונ אַדאָרף אַריין וואָס איז גיוועזן נאָהנט קיין פרעמישלאַן איז ער גיוועזן זייער מיד פון זיין וועג. דעריבער איז ער אַריין גיגאַנגען אונ אַקרעטשמי אַריין אָפּרוען זיך אַביסיל האָט ער גיבעטין דעם ראַנדאַר ער זאָל אים געבין אַבעזונדער חדר. וואָס ער זאָל דאָרט קענין שלאָפין עטליכע שעה. דער ראַנדאַר האָט אים גיגעבין אַבעזונדער הדר. האָט ער זיך גילייגט אונ איז אַנטשלאָפין גיוואָרען. דער ראַנדאַר האָט דער נאָך פאַר געסין אַז איין מענטש שלאָפט אונ חדר. וויא ער האָט זיך גרייט גימאַכט צו פאָרין אונ שטאָדט אַריין מיט זיין בני בית צום דאַוונין האָט ער פערשלאָסען די טוהר פון דעם חדר אונ דעם שליסיל האָט ער זיך מיט גענימין אונ אַזוי האָט ער איבער גילאָזט אונ שענק. אונ ער מיט זיין בני בית זענין גיפאָרין אונ שטאָט אַריין. דער מענטש דאָרך זיין מידקייט איז ער גישלאָפין אַגאַנצע טאָג. האָט זיך אים גיחאָלימט אַז ער איז גישטאָרבין אונ מען האָט אים בעגראָבין האָט מען אים גיבראַנגט צום בית דין של מעלה. איידער ער איז אַריין גיגאַנגין צום ב"ד של מעלה האָט ער באַגעגינט אַמענטש. האָט אים דער מענטש גיפרעגט וואָס טוסטו דאָ האָט ער גיענטפערט אַז ער איז גישטאָרבין. אונ ער גייט צום בית דין של מעלה. האָט אים דער מענטש גיזאָגט איך וועל דאָ וואַרטין ביז די וועסט

וועסט פון דארט ארוים גיין. ווייל איך וויל וויסין דיין פסק דין. וויא ער איז אריין גינאנגין צום ב"ד של מעלה. האט ער זייא גיזאגט אז ער איז פון ר' מאיר'ילס חסידים. אונ ער איז צו איהם גיפארין מיין וויא פערציג יאהר. האט איהם דאס ב"ד גיענטפערט אז דיא וועסט ברענגען אכתב פון ר' מאיר'לין אז דיא ביסט גיוועזן זיינס אחסיד. וועסטו געווינין דיין דין. איז ער ארוים געגאנגין פון דעם בית דין זייער פרייליך. האט איהם דער מענטש גיפרעגט אויף זיין פסק. האט ער איהם דער ציילט דיא אלע רייד. דער נאך איז ער נעגאנגין צו ר' מאיר'לין. האט איהם ר"מ ארוים גיגעבין א כתב. איז ער צוריק גינאנגין צום ב"ד של מעלה. אונ מיטן וועג האט איהם דער מענטש באגעגינט. אונ האט איהם גיזאגט ווייז מיר נאר דאס כתב. האט ער איהם גיוויזין. האט דער מענטש צו גיחאפט ביי איהם דאס כתב אונ איז אנטלאפין גיווארין האט ער אונ זיין חלום אנגעהויבין צו שרייען גיוואלד. ביז דער גוי וואס איז גיזעסין אונ שענק האט דער הערט. האט ער זיך דער מאנט אז אמענטש ליגט אונ דעם חדר איז ער צוא גינאנגין אונ האט אויף געהאקט דיא טיר. אונ האט איהם גיעפינט. וויא ער האט זיך אויף גיחאפט האט ער זיך דער מאנט אז עס איז היינט עיוכ"פ. איז איהם זיין הארץ צוגאנגין גיווארין איז ער תיכף אראפ גילאפין אונ איז גילאפין אונ שטאדט אריין. וויא ער איז אריין גיקומען אונ ר' מאיר'לס ביהמ"ד אריין. איז שוין לאנג גיוועזן נאך דעם דאווינין. אונ ר' מאיר'יל האט דאמאלס גיזונגין אנעים זמירות. האט זיך ר' מאיר אוים גידרייט. אונ האט גיזאגט צוא דעם מענטש. נישט קשה. נישט קשה דיא האסט בעסער גידאווינט פון מיר. דאנם אפעטער וואס איז שוין 80 יאהר טויט אויף יענעם עולם. האסטו מיט דעם קוויטיל א טובה גיטוהן. דיא מעשה איז זייער ווינדערליך:

נאָך אַ מעשה פון רבי'ן ר' מ..ר״יל פּרעמישלאַנער זצ״ל:

דער גבור ר' אהרן וואָהל פון פּרעמישלא. איז גיוועזן אַגרויסער מתנגד. נאָר אַשיתוף האָט ער געהאַט פלעגט ער פאָהרין קיין פּרעמישלאַן צוא ר״מ. אַמאָהל איז זייער מסחר גישטאַנין זייער שלעכט. האָט אים דער שותף גיזאָגט האָרך מיך. לאָמיר ביידע פאָהרין צוא ר' מאיר'לין האָט אים ר' אהרן גיזאָגט. וואָס וועט אינז דערויס קימען אַז מיר וועלין צו אים פאָהרין. וואָס קענין מיר פון אים מקבל זיין. ער ווייסט נישט מיין נאָר צו לאָזין רויך מיט דער פייקע און צו שמעקין טאַבאַק. און צו טרינקין בראָנפין. נאָר דער שותף האָט אים נישט אָב גילאָזט און האָט אים זייער גיבעטין. איז ער בעשטאַנין. זענין זייא ביידע גיפאָהרין קיין פּרעמישלאַן נאָר וויא זייא האָבין נאָר אַרויף גיטרעטין אויף דעם רבי'נ'ס שוועל האָט ער זייא גיזאָגט מיט דעם לשון. מאיר גיט נישט קיין שלום מאיר האָט ליב צו לאָזין רויך. און צו שמעקין טאַבאַק און צו טרינקען בראָנפין. האָט ער זייא נישט גיגעבין קיין שלום. דער נאָך האָט ער זייא צו זיך גירופין און האָט אים גיזאָגט מיטן דין וואָלט איך אים נישט גידאָרפין געהן קיין שלום. נאָר איך האָב רחמנות אויף זיין תורה. וועיל ער לערינט תורה לשמה. דאַמאָלס האָט ר' אהרן גיזעהן אַז און ר״מ איז דאָ אַנעטליכער גייסט. פון דאַמאָלס אָהן האָט זיך ר' אהרן בעהעפט און דעם צדיק זכותו יגן עלינו:

נאָך אַ מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פּרעמישלאַנער זצ״ל.

דער רבי ר' מאיר'יל האָט זייער נישט קיין הנאָה געהאַט פון דיא פראָסטע מענטשין וואָס פלעגין שבת גיין אַספּאָדיק אין טער דעם שטריימיל. און אַז עס פלעגט קימען איינער וואָס ער איז גיגאַנגין און אַספּאָדיק אום, שבת האָבין אים דיא גבאים גיזעצט און עק טיש. וועיל זייא האָבין גיוויסט אַז זייער רבי האָט דער פון נישט קיין הנאָה. אַמאָהל איז אַריין גיקומין איינער און אַ ספּאָדיק האָבין אים דיא נבאים גיזעצט פון הינטין אַזוי וויא זייער שטייגער איז גיוועזן. וויא דער רבי איז אַריין גיקומין און שטיב. האָט ער גיזאָגט דער ספּאָדיק זאָל זיך זעצין אויבין אָן האָבין דיא גבאים גיטוהן וויא ער האָט זייא געהייסין; ביים דעם טיש האָט דער רבי גיזאָגט צו דיא מענטשין וואָס זענין דאָרט גיזעסין

גיזעסין. איר פאר ווינדערט אייך בוודאי פאר וואס איך האב געהייסין דעם ספאדיק זעצין אויבין אהן. וועל איך אייך דערציילין וואס דער מענטש האט מיר גיטוהן. ווען איך בין גיוועזן אקליין יונגיל פלעג איך גיין אלע דאנערשטיג אונ האב צונאנד גינומין געלד צו קויפין פלייש פון דיא ארימע לייט'ס וועגין. אמאהל האב איך נישט גימאכט אזוי פיעל איך זאל האבין פון אלע ארימי לייט'ס וועגין. וואס האט זשע מאיר גיטוהן בין איך גינאנגין אונ שטאל ארייין אונ האב גינימען דעם טאטינס בהמה וואס ער פלעגט זיך פון איר מפרנס צו זיין אונ האב זיא גיפירט צום שוחט. האט ער זיא גישאחטין אונ דאס פלייש האב איך צו טיילט צו דיא ארימע. לייט. נאך דער מעשה איז אונ מיר מיין הארץ צו גאנגין גיווארין. ווייל איך האב גיוויסט אז מיין מיטער דיא רבנית וועט אויף מיר זייער שרייען. ווייל איר גאנצע פרנסה איז נאר גיוועזן פון דער בהמה. אונ ווייל איך האב נישט גיוויסט וואס צו טוהן. בין איך פון דארט אנטלאפין. אונ איבער דעם גאנצין וועג בין איך גינאנגין אונ גיוויינט. ווייל איך האב זייער רחמנות געהאט אויף מיינע עלטערין. אונ מיטן וועג איז דער ספאדיק גיפארין אויף זיין וואגין. וויא ער האט געהערט מיין גיוויין איז ער אראפ גינאנגין פון זיין קאטש. אונ האט מיך גיפרעגט פאר וואס איך וויין. האב איך אים דערציילט. האט ער מיך גיפרעגט וויא פיל דיא בהמה איז ווערט גיוועזן. האב איך אים גיזאגט אזוי פיל. אונ אזוי פיל. האט ער ארוים גינימען דאס געלד פון זיין קעשינע אונ האט מיר גינעבין בין איך תיכף גילאפין צו מיינע עלטערין אונ האב גיקויפט איין אנדערע בהמה. דער ספאדיק גידענקט נישט דיא מעשה אונ ער קען מיך נישט. אבער איך גידענק גיט אונ האב אים דערקענט תיכף. יעצט זאלט איר אייך נישט פערווינדערין פאר וואס איך האב אים מקרב גיוועזן אזוי פיעל:

נאך א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל

אמאהל אונ מוצאי יוכ"פ האבין דיא חסידים צו אים גיוואלט אריין גיין ער זאל זייא אהן ווינטשין אונ בענטשין. האט ער זייא נישט גילאזט אריין גיין. נאר ער האט גיזאגט דעם גבאי ר' לייב. גייא אונ הויף אריין אונ ריף אריין מיין גוי. אונ עטין זאלט אויף שטעלין מיין סוכה. וויא זייא האבין אויף גישטעלט דיא סוכה. איז ער אריין גינאנגין אונ האט אים גיזאגט אז דיא סוכה איז שוין פון לאנג גיקאנטשיט. האט אים דער רבי גיזאגט דיא האסט נישט גיט גיטוהן. אויף מזרח זייט האסטו גימאכט נידריגער מיט 20 צאל אונ אויף צפון זייט האסטו גימאכט העכער מיט 20 צאל גייא אונ זאלסט פאר רעכטין וואס דיא האסט קאליע גימאכט. אונ אזוי וויא ער האט גיזאגט אזוי איז גיוועזן דער נאך האב ער אים גיזאגט. גייא עפין אויף דיא טירין פון דעם הויף. וועט דיר אקיינין

אקיינגין קומען איוד מיט אקויבער פיש. זאלסטו אים צו מיר ברענגין. אזוי איז גיוועזן אזוי וויא ער האט גיעפינט דעם טויער איז גישטאנין איוד מיט אקויבער פיש. אונ איז ארײן גיגאנגין. אונ האט פאר אים זייער גיוויינט. אז זײן טאכטער גייט שווער צום קונד. האט אים דער רבי גיזאגט נייא אהיים זיא האט שוין גיווינין. האט דער מענטש גיוואלט געבין דעם רבי'ן דיא פיש. האט דער רבי גיזאגט צום גבאי נייא וועג אב אויף אוואג שאהל וויפיל קיליאעם איז דא. אונ באצאהל אים וויפיל עס קומט. האט דער מענטש גיזאגט רבי! איך האב דאך דאס אייך גיברענגט פאר א מתנה. איך וויל נישט קיין געלד. האט זיך דער רבי אויף גישטעלט פון זײן שטוהל, אונ איז גילאפין אונ דעם חדר ארײן וואס דיא מענטשין זענין דארט גישטאנין. אונ האט גיזאגט. הערט אוים רבותי. מאיר איז גיוועזן אונ הימיל. האט געהערט אוים ריפין אז דיא אשה זאל שטארבין האב איך גיזאגט. פאר וואס זיא האט דאך זעקס קליינע קינדער אונ זיא איז דיא מיטטער פון דיא קינדער זאל מען זיא לאזין לעבין. זיא זאל מגדל זײן אירע קינדער. האט מען מיך גיפאלגט. אונ יעצט זאל איך נעמין שוחד. וועט מען מיך דאך שוין נאך אמאהל נישט הארכין. אז איך וועל נאך אמאהל בעטין פאר איוד:

נאך אמעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל.

אמאהל ווען עס האבין זיך צו אים פערזאמילט פיל מענטשין חשובים אונ לומדי תורה אויף יום הקדוש. האט זיך דער רבי ר' מאיר'יל פארשפעטיגט צו קומען אונ ביהמ"ד ארײן צוא זאגין כל נדרי. האבין זייא נעהאט צער וואס זייא האבין גידארפיןווארטין. דער נאך איז ער אהן גיקומען אונ האט זיך אנידער גישטעלט בייא דער טיר פון ביהמ"ד, האט ער אום גיקוקט זיך אויף דעם עולם אונ האט גיזאגט. זעהט נאר זייא האבין זיך צו מיר פער זאמילט זייא מיינין אז מאיר וועט זאגין כל נדרי. עטץ זאלט אפילו שטיין ביז אונ דער פריא וועט מאיר נישט זאגין קיין כל נדרי. איז ער ווייטער גישטאנין בייא דער טיר. דער נאך האט ער גיזאגט. עס שטייט אונ פסוק. אזעלכי עבירות וואס איז צווישין א מענטש צווישין זײן חבר איז יוה"כ נישט מכפר ביז ער איבער בעט זײן חבר. איבער דעם וויל מאיר אז איר זאלט אײנער דעם אנדערין מוחל זײן איז גיווארין אגרוים גישרייא צווישין דעם עולם מיר זענין מוחל אײנער דעם אנדערין. איז ער נאך גישטאנין בייא דער טיר אונ האט גיזאגט. עטץ מיינט אז מאיר פאר שטייט נאר נישט. יעצט זענט עטץ אײנער דעם אנדערין מוחל. אונ נאך יום הקדוש. ווער עס איז זײן חבר שולדיג אחוב. וועט זײן חבר בייא אים צוא נעמין אלעם אפילו דיא קישינס מיט דיא איבער בעטין מאיר וויל אזוי. אז ווער עס קאן בעצאהלין זיינע חובות. נאר ער האט נישט תיכף. זאל מען אים

דערברייבערין

דערבּרייטערין אצייט. און ווער עס קען נישט בּעצאָהלין. וואָס ווערט יער בּייא אים צוא נעמין די נשמה? איז דאָרט גיוועזען לבּובּער גבירים. האָבּין זייא גיזוויסט אז זייא מיינט דער רבּי. זענין זייא צו גינאַנגין צום רבּי׳ן. און האָבּין אים גיזאָגט. מיר ווילין האָרכין דעם רבּי׳ן ,שיחי׳ און מיר ווילין אזוי טיען. דער נאָך איז ער גינאַנגין פון דער טהיר פון בּית המדרש צום עמוד און האָט גיזאָגט. רבּש״ע. דיא יודין זאָגין מיר האָבּין גיזינדיגט.

און מיר ווילין שוין מיין נישט אזוי טוהן. און דיא גלייבּסט און בּיסט זייא מוחל. דעריבּער איז זייא מאיר אויך מחויב צו גלייבּין. זאָלט איר וויסין טאַניסקאַרקסע יודלעך. אויבּ עטץ וועט מיך האָרכין. וועט איר האָבּין אַ נִיט גיבּענטשט יאָהר אזוים און אַנגליקליך יאָהר. און ווער עס וועט נישט האָרכין. וועט איר נאָר וויסין פּאָטשעמא לאָקעיט דער נאָך האָט ער אָנגעהויבּין צו זאָגין כל נדרי:

נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי'ן ר' מֵאִיר'יל פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער זצ"ל

דער רבי ר' מאיר'יל מפרימשלאַן מיט דעם רבי'ן ר' יעקב יוסף מאוסטרהא האָבּין זייערע חסידים נימיינט אַז זייא בּיידע זענין זיך כנגד איינער דעם אַנדערין. אַמאָהל איז איינער פון אוסטרהא גיפאָרין צוא זיין מסחר איז ער גיקומין קיין פרימישלאַן פאַר יוכ"פ איז בּייא אים גיוועזן בהסכם. אַז ער זאָל זיין בּייא ר' מאיר'לין אום יוהכ"פ. ווייא ער איז גיקומען פאַר ר' מאיר'לין נעמין שלום. האָט אים ר' מאיר'יל גיזאָגט. דאַכט זיך מיר אַז איר זענט פון דיא חסידים פון רי"י מאוסטרהא. האָט אים דער מענטש גיענטפערט אַזוי איז דער אמת. האָט אים ר' מאיר'יל גיפרעגט. איר ווערט בּייא מיר דאַווינין אונ מיין קלויז? האָט ער גיענטפערט יאָ. האָט אים ווידער ר"מ גיפרעגט. אין מוצאי יוכ"פ וועט איר זיין בּייא מיר.? האָט ער אים גיענטפערט יאָ. מוצאי יוכ"פ איז ער גיקומען צום רבי'ן ר"מ מיט אַקוויטיל אונ עפּיס געלד האָט ער אויך מיט גיהאַט. האָט אים ר"מ גיזאָגט. זאָג מיר עטליכע ווערטער וואָס דיא האָסט אַליין געהערט פון דיין רבינ'ס מויל דיא זאָלסט מיך דער מיט מהנה זיין. האָט ער אים גיענטפערט אַז ער גידענקט ניט. האָט אים ר"מ גיזאָגט נאָך צוויי אָדער דריי מאָהל. פון דעסט ווענין קלער דיך איבער אפשר וועסטו גידענקין עטליכע ווערטער. האָט ער זיך איבער גיקלערט אונ האָט זיך דערמאַנט. האָט ער גיזאָגט צו ר' מאיר'לין איך האָב מיך דערמאַנט וואָס איך האָב פון אים געהערט אַמאָהל זענין מיר גיזעסין אונ זיין קלויז. איז דער רבי צוא אינז פליצלינג אַריין גיקומען. האָבּין מיר זיך אויפגישטעלט פאַר אים האָט דער רבי אויף אינז מקפיד גיוועזן מיר זאָלין אַלע טאָג זאָגין זוהר פאַר דעם דאַווינין. האָט ער אינז גיפרעגט וואָס איז דאָס וואָס עס שטייט אונ זוהר פיל מאָהל „אַספּקלריאָ המאירה אַספּקלריאָ שאינה מאירה" וואָס איז דער חילוק צווישין דעם צוא דעם. האָבּין מיר גישוויגין אונ מיר האָבּין נאָר גישט גיענטפערט דערויף. האָט אינז דער רבי גיזאָגט. איך וועל אייך זאָגין פּשט דערינין. אַספּקלריאָ המאירה מיינט מען. אַשפּיגיל זעהט מען זיך אונ אים. אַספּקלריאָ שאינה מאירה מיינט מען. אַ פענסטער וואָס ער זעהט דאַדורך דעם צווייטין נישט זיך. דאָס האָב איך געהערט פון דעם רבי'ן ר' יעקב יוסף מאוסטרהא האָט אים ר' מאיר'יל גיזאָגט איך האָב זייער הנאָה פון דיזע ווערטער. האָט זיך דער מענטש אָבגיזעגינט מיט דעם רבי'ן ר"מ. האָט אים ר' מאיר'יל גיזאָגט אַז דיא וועסט אַהיים קימען. אונ וועסט קומען צום רבי'ן זאָלסטו אים זאָגין אַגריס פון מיינט ווענין. אונ זאָלסט אים זאָגין. אַז איך האָב ליב צוא עסין עופות פלייש. איז זיך דער מענטש אַהיים גיפאָרין. ווייא ער איז אַהיים גיקומען איז ער גיקומען צום רבי'ן ר' יעקב יוסף. אונ האָט אים ערציילט זיין גאַנצע געשיכטע מיט ר' מאיר'לין. אויך האָט ער אים דער ציילט. וואָס ער האָט אים געהייסין זאָגין אַז ער האָט ליב עופות פלייש. אונ דער מענטש וואָס האָט דאָס דערציילט האָט דער פון זייער גילאַכט. אויך

דיא

דיא אלע וואס זענין דארט גישטאנין אונ זייא האבין דאס געהערט האבין זייא דער פון זייער גילאכט . האט צוא זייא דער רבי ר' יעקב יוסף גיזאגט . צוא פערשטייט איר דיא זאך ? איר פערשטייט בוודאי נישט דיא זאך . נאר איך וועל אייך בעשיידין זיין כונה מיט דיזע ווערטער דען אונ דיא צייט איז גיוועזן אגרויסער קטרוג אונ הימטיל ביז עס איז ר"ל נגזר גיווארין א גזרה פון א דבר אהארד) אונ דער צדיק ר' שלום ניבעלזא . ער האט מיט זיין תפלה דיא גזרה פערשטעהרט . אונ האט זיא איבער גיקעהרט אויף בהמות נישט אויף מענטשין . נאר ווייל ער איז זייער שלאף גיוועזן . האט ער בעדארפין עסין רינדערין פלייש האט ער גיפועלט די גזרה ארויף צו ווארפין אויף עופות נישט קיין בהמות . אונ דאס איז דיא כונה פון ר' מאיר'לין אז ער האט ליב צו עסין עופות פלייש . אז דיא גזרה וואס איז אויף דיא עופות זאל אויך . בטל ווערין עס איז אזוי גיוועזן דיא גזרה איז אונ גאנצין בטל גיווארין . דער זכות פון דעם רבי'ן ר' מאיר'יל זאל אינז ביא שטיין . עס זאל זיך נישט טרעפין קיין שום שלעכטץ ח"ו עד ביאת גואל צדק במהרה אמן :

נאך א מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל :

אונ דער שטאדט סוטשאווא איז גיוועזן אמענטש . ער האט גיהייסין נתן שמעון . ער איז שלאף גיוועזן ר"ל איז ער גיפארין צוא ר' מאיר'יל פרעמישלאנער אויף יוכ"פ . ער איז גיוועזן אזוי שלאף אז דיא דאקטורים האבין אים גיווארינט ער זאל נישט פאסטין קיין שום תענית אלע טאג האט ער גימיזט אונ דער פריא עפים פאר זיכין זיין הארץ זאל אים נישט וויא טוהן . וויא עס איז גיקומען עיוה"כ . האט דער רבי אים גירופין אונ האט צו אים גיזאגט . צוא ווייסטו אז אונ יום הקדוש זענין מיר גיבאטין גיווארין אונ דער תורה צו פייניגין זיך מיט פינף ערלייא פיינונג . איך ווייס אבער אז דיא ביסט אשלאפער . אונ דיא רופאים האבין דיר אהן גיזאגט דיא זאלסט נישט פאסטין . נאר הארך מיך אונ זאלסט נישט עסין אים יוכ"פ ביז איך וועל דיך הייסין . האט ער גיזאגט איך וועל אזוי טוהן . אונ דער מענטש האט זיך פון אים נישט אויף געהערט זיין קרענק קיין שום טאג ר"ל . אונ ער האט זיך אפילו נישט גיקענט פייניגין איין שעה אונ טאג . וויא עס איז גיקומען ביא נאכט נאך כל נדרי האט אים דער רבי גיזאגט ביא נאכט זאלסטו גאר נישט עסין . אונ דער פריא וועל איך דיר זאגין דיא צייט ווען דיא זאלסט עסין . נאך כל נדרי . איז ער גיגאנגין אונ זיין סטאנציע אריין אונ האט גאר נישט גיגעסין . וויא עס איז גיקומען אונ דער פריא איז ער גיקומען פרעגין אויב ער זאל עסין . האט אים דער רבי גיזאגט ער זאל ווארטין ביז נאך ברכו . אונ זיין הארץ איז אים זייער שלאף גיוועזן . נאך ברכו איז ער גיקומין פרעגין . האט אים דער רבי גיזאגט

נאָך קדושה. ביז דער רבי האָט אים גיזאָגט אַז נאָך מוסף וועט ער עסין. און דער נאָך. נאָך נעילה. ביז ער האָט גיפּאַסט אַגאַנצין טאָג. ווי עס איז גיקומען בייא נאַכט. איז ער גיקומען צום רבי'ן האָט ער אים גינעבין בראָנפּין און לעקאַך האָט ער גיטרינקין לחיים. האָט אים דער רבי גיזאָגט. די רפואה וואָס מאיר האָט דיר גינעבין וועט דיר מעהר העלפין ווי אַלע דאָקטורים. עס איז אַזוי גיוועזין. דער מענטש איז געהיילט גיוואָרין פון זיין קרענק. און איז גיוועזין גיזינד ביז און זיין טויט אַריין. און ער פלעגט שטענדיג פאָרין צום רבי'ן ר' מאיר'ל. זיין זכות זאָל אינז בייא שטיין אָמן:

נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' מאיר'ל פּרעמישלאַנער זצ"ל:

ר' נתן שמעון פון סוטשאַווא. האָט מתחלת נאָר ווינציג גיגלייבט און צדיקים ער איז גיוועזין איין עושר. און זיין האַנדיל איז גיוועזין און דער שבּאָט גאַלאַין און ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט. אַמאָהל ווי ער איז גיפאָרין קיין גאַלאַץ איז זיין ווייב גיפאָרין צום רבי'ן ר' מאיר'ל ז"ל. זי זאָל אים בעטין אַז זי זאָל האָבין קינדער. האָט זי דער רבי גיפרעגט. פאַר וואָס איז דיין מאַן נישט אַהער גיקומען. האָט זי דערציילט דעם אמת אַז איר מאַן גלייבט נישט און קיין צדיקים. האָט איר דער רבי גיזאָגט די זאָלסט זאָגין דיין מאַן. ער זאָל צו מיר קומען. אַצייכין זאָלסטו אים זאָגין. אַז ער האָט גיטוהן אַזאַך און גאַלאַץ אויף דעם און דעם אָרט. די אשה איז אַהיים גיקומען. און עטליכע טעג אַרים. איז איר מאַן גיקומען פון גאַלאַין. האָט זי צו אים גיזאָגט. וואָס וועט עפּיס זיין אינזער תכלית מיר האָבין נישט קיין קינדער. אויב די ווילסט מיך האָרכין זאָלסטו פאָרין צום צדיק ר' מאיר'ל. וועט ער פאַר אינז בעטין מיר זאָלין האָבין קינדער. ווי ער האָט דאָס אויס געהערט האָט ער זייער אָנגעהויבין צו לאַכין. האָט זי אים גיזאָגט זאָלסט וויסין אַז איך בין שוין גיוועזין בייא דעם רבי'ן. האָט ער דיר געהייסין זאָגין. אַז די זאָלסט אַליין קימען. און אַ סימן. די האָסט און גאַלאַין גיטוהן אַזאַך אויף דעם און דעם אָרט. ווי איר מאַן האָט אויס געהערט די ווערטער איז ער דערשראָקין גיוואָרין און זיין פנים איז ווייס גיוואָרין. וויל ער האָט גיוויסט אַז קיין שום מענטש דאַרף דאָס נישט וויסין. האָט ער אָנגעהויבין צו קלערין ווי אַזוי ער זאָל פאָרין. וויל ער האָט זיך גישעמט פאַר זיינע חבירים די מתנגדים. האָט ער גידינגין אַוואָגין און האָט גיזאָגט אַז ער פאָרט קיין לבוב. און איז גיקומען צום רבי'ן. האָט אים דער רבי גינעבין שלום און האָט עם גיפרעגט פון וואַנין ער איז האָט ער גיענטפערט פון שאַטץ. וואָס טיסטו דאָ? האָט ער גיזאָגט איך בין גיקומען צום רבי'ן האָט אים דער רבי גיפרעגט די האָסט דאָך גיזאָגט אַז די פאָרסט קיין לבוב. איבער דעם זאָלסטו אַהיים

אהיים פארין. אונ זאלסט דינגין אוואגין קיין פרעמישלאן אונ זאלסט זאגין יעדין אז דיא פארסט צוא ר' מאיר'לין האט ער אזוי גיטיזט טוהן. אונ איז גיקומען דאס צווייטע מאהל. האט ער אים מבטיח גיוועזן. אונ זיין ווייב האט געהאט אטאכטער. פון דאמאלס אהן איז ער גיווארין ר' מאיר'ילס אחסיד:

נאך אמעשה פון רבי'ן ר' מאיר'יל פרעמישלאנער זצ"ל.

איינים פון זיינע קרובים האט ר' מאיר'יל גינעבין דיא יארמילקע. אונ האט אים גיזאגט. אז פורים בייא נאכט זאל ער זיך אהן טוהן דיא יארמילקע בייא דער סעודה. האט ער אזוי גיטוהן. זענין צוא אים גיקומען גזלנים אונ האבין גיקיקט אונ זיין פנים. האבין זייא גיזאגט דאס איז נישט דער וואס מיר זיכין אים. זענין זייא גינאנגין אונ איין אנדער דארף ארויין אונ האבין דארט צו גינימען דאס גאנצע פארמעג.

אוואונדערליך ערציילונג וויא גרויס עס איז דיא מדה פון בטחון:

עס איז גיוועזן איין ארימאן א מופלג בתורה אונ ירא שמים. אמאהל אום דאנערשטיג בייא נאכט וואס עס געהער צו פרייטיג האט ער נישט געהאט וואס צו געבין זיין ווייב אויף שבת. האט זיך זיין ווייב גילייגט שלאפין זייער פערזארגט. אונ ער האט נישט גיקענט שלאפין האט ער גיעפינט אספר אונ האט אנגעהויבין לערנין. כדי אוים צו וועפין זיין צער דארך דעם לערנין. אונ מיטין לערנין האט ער נידארפט ארוים צו גיין טוהן זיין צורך. האט ער פערטאכט זיין ספר אונ איז זיך גינאנגין אפ פארען. האט ער גיפינען אונ דער צואה א רוביל האט ער גינימען דאס קערביל אונ האט עס אבניוואשין פון זיין טינוף. איז ער ארויין גינאנגין אונ שטיב ארויין האט ער גיזעהן אז עס איז אגיטע מטבע ארוביל. זיין ווייב איז דאמאלס גישלאפין איז ער גיוועזן אונ א ספק וואס ער זאל דערמיט טוהן. זאל ער עס אויסגעבין אויף שבת? איז אים נישט גיפעלין ווייל ער האט גיקלערט אזוי רבש"ע אז דיא ווילסט מיר אהן גרייטין אויף שבת. זאלסטו מיר אנגרייטין אויף ארייניס אופן. נישט פון קיין טינופת. זאל ער דעם רו"כ נישט אוים נעבין אויף שבת.? האט ער דאך נישט קיין אנדערס. האט ער איבער גיוואגין זיין דעה. ער זאל נישט אוים געבין דעם רו"כ אויף שבת. אונ ער האט דיגער צו מסכים גיוועזן בעוועיל אז הש"י וויל אז איך זאל האבין געלד אויף שבת. זאל ער מיר אנגרייטין פון ארייין ארט. נישט פון קיין טינוף. אונ וויל ער האט

אבער

אָבער מורא נעהאַט אַז זיין ווייב וועט זיך מיט אים קריגין ער זאָל אויס געבין דאָס געלד. האָט ער דאָס געלד מקדיש גיוועזן אויף צדקה פון אָרימע לייט'ס וועגין און ער האָט זיך צורק גיזעצט לערנין. און דער רגע האָט זיך זיין ווייב אויף גיחאַפּט האָט ער איר דערציילט אַלעס וואָס האָט אים גיטראָפין און אַז ער האָט עס מקדיש גיוועזן אויף צדקה. האָט זיא אויף אים גישריגין פאַר וואָס ער האָט עס מקדיש גיוועזן ער זאָל קיין הנאה ניט האָבין. פון דעם וואָלט מען דאָך גיקענט קויפין אַלעס אויף שבת ברווחה. ער האָט איר אָבער גיזאָגט אַז אַפילו ער זאָל וועלין חרטה קריגען דערויף. קען ער נישט חרטה האָבין ווייל ער האָט דיא מטבע מקדיש גיוועזן פון השי"ת וועגין ער זאָל געבין אָרימע לייט. און אַז השי"ת וויל אינז אָהן גרייטין אויף שבת זאָל ער אינז אָהן גרייטין פון אַריין אָרט. נישט אויף אַזאַ אופן. זיין ווייב דאָרך איר פיל צער האָט זיא זיך צוריק גילייגט שלאָפין. און ער האָט זיך ווייטער גילערינט. און הימטיל איז דאָס גיפעלין פאַר אַנסיון. דעריבער איז אויף אים נגזר גיוואָרין. מען זאָל אים אָנגרייטין אויף שבת נאָך מיין און פון אַריין אָרט. עס איז אַזוי גיוועזן. צווייא סוחרים זענין גיפאָרין פון אַגרויסין יריד אַהיים. און זייער וועג איז גיוועזן דאָרך דער שטאָט. וויא זייא זענין גיקומין אין שטאָדט אַריין. האָבין זייא זיך גיוואָלט אָברוען פון וועג אַפּאָהר שעה ביז און דער פריא און אַז עס וועט לעכטיג ווערין זאָלין זייא אַהיים פאָרין אויף שבת ווייל עס איז גיוועזן נאָהנט פון דער שטאָדט און דער גאַנצער שטאָדט האָט זיך נישט גילאַכט קיין לעכט ווייל עס איז יעדער

גישלאָפין. נאָר ביא דעם מענטש האָט זיך גילייכט. און מען האָט דערקענט און דרויסין. זענין דיא סוחרים גיקומין און האָבין אָפּגישטעלט דעם וואָגין נעבין זיין שטוהב. האָבין זייא ביא אים אָהן גיקלאַפּט ער זאָל זייא עפינין האָט ער זייא גיעפינט און זייא זענין אַריין גיגאַנגין צו אים דער מענטש האָט זייא גיגעבין שלום. האָט ער גיזעהן אַז זייא זענין נגיד'שע סוחרים האָבין זייא צו אים גיזאָגט ווייל מיר פאָרין פון אַיריד זענין מיר מיד. און מיר ווילין זיך אָב רוען מיר דאַרפין נישט קיין עסין. נאָר אַביסיל רוען. דעריבער בעטין מיר אייך איר זאָלט אינז לאָזין ביא אייך אַ ביסיל רוען. האָט ער זייא דערויף מסבים גיוועזן און האָט זייא אויס גישפרייט קישנס מיט איבער בעטין אויף דער ערד. האָבין זיך דיא אורחים גילייגט שלאָפין און ער האָט זיך צוריק גיזעצט לערנין דיא סוחרים זענין נישט באַלד אַנטשלאָפין גיוואָרין. נאָר זייא זענין בענאַנד גילעגין. איז זייא גיפעלין דעם בעה"ב'ס לערנין. האָט איינער גיזאָגט צום אַנדערין. וועגין דעם סכסוך וואָס איז צווישין אינז אויף עטליכע הינדערט רו"כ און יעדין פון אינז דאַכט זיך אַז ער איז גירעכט. אַז מיר וועלין אַהיים קימען. און יעדער איינער וועט דערציילין זיין ווייב. וועט ווערין אַ קרוג צווישין אינזערע ווייבער. ווייל זייא זיצין דאָך בענאַנד און דעם גיוועלב דעריבער איז נישט גוט אַז מיר זאָלין אַהיים קימען אום פערגלייכט. על כן איז מיין עצה. אויב דיא וועסט מסבים זיין דער צוא אַז מיר זאָלין דערציילין אינזערע טענות פאַר דעם בעה"ב. און וואָס ער וועט פסקינין אַזוי וועלין מיר אים האָרכין ווייל

ווייל

וויל מיר זעהט אוים אז ער איז אנרויסער למדן און אירא שמים אויך א חכם. דעם אנדערין סוחר איז געפעלין דיא עצה. האבין זייא זיך תיכף אויפגעהויבין פון זייער געלעגער און זייא זענין צוא געגאנגין צום בעה"ב האבין זייא אים געזאגט אז זייא ווילין זיך בייא אים לאדין וועגין אענין וואס איז צווישין זייא און וואס ער וועט פסקינין וועלין זייא מקיים זיין עס איז אזוי געוועזן. יעדיר איינער האט פאר אים דערציילט זיינע טענות וויא זייא האבין געקאנטשיט זייער טענות. האט זייא דער בעה"ב געזאגט נייט ליינט אייך צוריק שלאפין און איך וועל מיך איבער קלערין וואס צו פסקינין האבין זייא אזוי געטוהן זייא האבין זיך צוריק געלייגט. און ער האט זיך דער וויל איבער געקלערט וויא זייא זענין אויף געשטאנין האט ער זייא געזאגט זיין פסק אזוי און אזוי. איז זייא דער פסק זייער געפעלין און זייא האבין אים בעצאהלט א שיינע סוממע פסק געלד אזוי וויא דער שטייגער פון נגידים. און דער פריא זענין זייא זיך אהיים געפארין לשלום. איז אוים געפירט געווארין אז השי"ת האט אים אנגעגרייט אויף שבת פון ארויין ארט און בריווח ובכבוד און עס איז אים נאך איבער געבליבין אויף און דער וואכין האט ער אב געגעבין א שבח צו השי"ת:

וואונדערליכע מעשיות פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב זצ"ל

דער רבי ר' לוי יצחק האט געהאט א חסיד אקרוב ער האט געוואוינט און אדארף נעבין בארדיטשוב פלעגט ער דעם רבי'ן מתנה זיין וויא וויים ער האט נאר געקענט. אמאהל האט דער חסיד חתונה געמאכט זיין טאכטער. מסתמא איז ער פאר זיין טאכטער'ס חתונה געוועזן בייא דעם רבי'ן ער זאל אים בענטשין. וויא עס איז געקומין דיא נאכט פון זונטאג וואס עס געהער צו מאנטיג, האבין גנבים אינטער געגראבין זיין הויז. און האבין ארוים געגנבית דער כלה'ס אלע חפצים. מאנטיג און דער פריא האבין זייא געפינין דער כלה'ס קאסטין ליידיג פערשטייט זיך אז ער איז געוועזן זייער טרויעריג. איז ער תיכף געקומין צום רבי'ן אים דערציילין פון דער מאכטיגער גניבה און ער האט נישט קיין צייט אהנצוגרייטין אנדערע מלבושים. וויל דיא חתונה דארף זיין דיא וואך. האט אים דער רבי געטרייסט אז ער זאל נישט זארגין. וויל השי"ת וועט אים העלפין דיא גנבה וועט געפינין ווערין און גאנצין. איז ער צוריק אהיים געפארין און דארף ארויין. און דעם גאנצין מאנטיגדיגין טאג האט ער געהאפט צוא געפינין דיא גנבה. אבער מען האט ניט געהערט קיין שום קול. דינסטאג איז ער ווידער געפארין קיין בארדיטשוב צום רבי'ן זייער טרויעריג. אז ער האט נאך נישט געפונין דיא גנבה. און דיא חתונה דארף זיין מארגין אדער דאנערשטיג. האט אים דער רבי געשיקט צו זיינע דיינים. איז ער געקומין צום רבי'נס דיינ[illegible]. א[illegible] האט

זייא

זייא דערציילט אז דער רבי האט אים צו זייא גישיקט האבין אים דיא דיינים גיזאגט. אז זייא קענין אים נישט העלפין וועגין דער זאך. דאס איז נישט קיין פסק זייא זאלין דערינגין פסקינין. איז ער צוריק גיקומען צום רבי'ן אונ האט אים גיזאגט אז דיא דיינים קענין אים גאר נישט פסקינין וועגין דער זאך. האט אים דער רבי געהייסין ברענגין אבויטין ליידיג פאפיר. האט ער גיברענגט. האט דער רבי גינימען דעם בויגין אונ האט אויף אים אויף גישריבין אונ אלע פיער עקין לא תגנוב. לא תגנוב האט ער איינגילייגט דאס פאפיר אונ האט דאס אים גיגעבין אונ האט אים גיזאגט ער זאל אהיים פאהרין. השי"ת וועט דיר העלפין אז די וועסט גיפינין דיא גנבה אונ ער האט דיא זאך גאר נישט פערשטאנין גאר וויל ער האט געהאט שטארק אמונה אונ דעם רבי'ן האט ער גינימין דאס פאפיר אונ איז אהיים גיפארען. אונ ער האט נאך נישט גיוויסט וויא אזוי זיין ישועה וועט זיין. זיין הויז פון דארף איז גיוועזען נאהנט צו אוואלד. דער בעה"ב איז זיך ארים גיגאנגין נעבין זיין הויז. האט ער גיזעהן אז אונ וואלד טראגט מען א משאוי אונ אוועם לאלעך צווישין דו ביימער פון וואלד. איז ער ארייז גילאפען אונ וואלד ארייז. האט ער גיפינען אז עס איז אונ וואלד גילעגין אוועם לאלעך. אונ דערינין זענין גילעגען דער כלה'ס מלבושים. עס האט גאר נישט גיפעהלט. האט ער גינימען דו אלע חפצים אונ דו מלבושים פון זיין טאכטער דו כלה. אונ ער האט גימאכט דו חתונה בשמחה נאר ער האט נאך נישט פערשטאנין וואס דער רבי האט אים גישיקט צו זיינע דיינים אונ וואס ער האט אהן גישריבין אויף אלע פיר זייטין פון דעם בויגין לא תגנוב. לא תגנוב אונ וויא אזוי עס איז דורך דעם געקומין א ישועה. איז ער גיפארין צו זיין הייליגין רבי'ן קיין בערדיטשוב אבשורה צו זאגען אים אז השי"ת האט אים געהאלפין דו גנבה איז גיפינין גיווארען. האט ער דעם רבי'ן גיפרעגט ער זאל אים געבין צו פערשטיין דאס אלעס האט אים דער רבי גיענטפערט אזוי. איך האב פערשטאנען. אז דו גנבים האבין מסתמא איינגיוויקילט דיא מלבושים אונ בעהאלטען זייא אונ א גרוב. אונ פון אויבין פארדעקט מיט ערד. ביז זייא וועלין נאך איר קומין דעריבער האב איך דיך געשיקט צו דו דיינים אונ מיין כונה איז גיוועזען אז זייא זאלין פסקינין דו ערד זאל נישט מקבל זיין דו גנבה. תאמ'ש דוא גנבים האבין דו גנבה טיף בעגראבין. וועט זיא דו ערד מיזין ארוים ווארפין. נאר דו דיינים האבען נישט פערשטאנין מיין כונה. דעריבער האב איך דיך געהייסען ברענגין אליידיגין בויגין פאפיר אונ האב אויף געשריבען אויף אלע פיר זייטין לא תגנוב. לא תגנוב. דהיינו איך האב גוזר גיוועזען אויף דער ערד לא תגנוב זיא זאל אונ זיך נישט מקבל זיין דו גנבה נאר זיא זאל דו גנבה ארויס ווארפין. וויא דוא גנבים זענין גיקומען צום ארט פון דער גנבה אונ זייא האבען גיזעהן אז דוא גנבה ליגט אויף דער ערד. האבין זייא גענימין דו גנבה מיט דעם לאלעך צו בעהאלטען אויף איין אנדער ארט אונ האבין זיא בעהאלטען אויף א אנדער ארט. אונ עס האט אבער ווייטער נית געפועלט. וויל אז זייא זענין צוריק געקומין האבין זייא גיזעהן ליגין דוא גנבה אויף דער בלויזער ערד. האבין זייא זיא גענומין צו בעהאלטען נאך אויף א אנדער ארט ??: אזוי

ווִיא זַייא זֶענִין גֶעגַאנגִין הָאסטוּ זַייא דֶער ווייל גֶעזֶעהן . דָארךְ דֶעם בִּיסטוּ גֶעהָאלפִין גִיוואָרֶען . אונ דָאס אִיז נָאר נִישט קֵיין שום מופת נָאר אַפּסק וואָס איך האָב גִיפּאַסקִינט אויף דֶער עֶרד , ווייל אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶען זֶענִין משועבד צו דֶער תורה . זַיין זכות זאָל אונז בַּייא שטֵיין אונ צו אַלֶע יודִין אָמן :

נָאךְ אַמַעֲשֶׂה פון רֶבִּי'ן ר' [illegible] יִצְחָק פון בַּארְדִיטְשׁוב ז"ל .

דֶער רבי ר' שלמה קַארלִינֶער האָט חתונה גִימַאכט דֶעם מלאָך'ס קונדֶער (אַרבִּי וואָס מֶען האָט אִים גִירופִין מלאָךְ) וואָס זַייא זֶענִין גִיבּלִיבִּין יונגֶע יתומים . ווִיא ר' שלמה אִיז גִיפאָרִין מִיט דֶעם חתן ר' שלום פון פּרִיבִּישׁ אויף דֶער חתונה צו ר' נחום טשֶׁערנָאבּלֶער . אִיז עֶר גִיוועֶן אויף שבת מִיט דֶעם חתן אונ דֶער שׁכנאָדִי יאַנוב . בַּייא דֶעם רבִּי'ן ר' ישעי' פון ייאַנוב אִין מֶען האָט דאָרט גִימַאכט אַיין פאָרשפִּיל . בשעת דֶעם דאַווינִין האָבִּין דִיא חסידִים בוודאי נִיט נָאךְ גִיקִיקט דֶעם חתן ווִיא אַזוֹי עֶר דאַווינט . האָבִּין זַייא גֶעזֶעהן אַז בשעת שמונה עֶשרה שאָקלִין זיךְ נִישט זַיינֶע לִיפִּין אַזוֹי ווִיא בַּייא יֶעדִין נאָר עֶר האַלט דִיא אויגִין פֶערמַאכט אִין שפִּילט זיךְ מִיט דֶעם זִילבֶּערנִים פִּישקֶעלִי וואָס עֶס אִיז פאַר אִים גֶעלֶעגִין אויף דֶעם טִישׁ . אונ זַיין פאַטשֵׁיילָא אִיז אִים גֶעלֶעגִין אויף זַיין אַקסִיל . זֶענִין דו חסידִים דֶערויף זֵייעֶר בֵּייז גִיוועֶן . נאָךְ מֶעהר זֶענִין זַייא בֵּייז גִיוועֶן וואָס זֵייעֶר רבּי ר' ישעי' האָט אַלֵיין גִידאַווינט פאַרִין עמוד . אונ ווִיא עֶר האָט גִיקאָנטשִׁיט די שטִילֶע שמונה עֶשרה . האָט עֶר נִישט אָנגֶעהויבִּין דוא הויכֶע שמונה עֶשרה בִּיז דֶער חתן האָט זיךְ אוּיס גִירִיקט דאַמאָלס האָט עֶר הֶערשט אָנגֶעהויבִּין צו זאָגִין דו שמ"ע . נאָךְ שבת אִיז ר' שלמה קַארלִינֶער גִיפאָרִין מִיט דֶעם חתן קֵיין טשֶׁערנאָבִּיל . זֶענִין זַייא גִיפאָרֶען דאָרךְ בַּארדִיטשׁוב . אונ זַייא זֶענִין אַיינגִישטַאנֶען בַּייא דֶעם רבִּי'ן ר' לוי יצחק מבּרדיטשׁוב . האָט דֶער רבי פון זֵייעֶרט ווֶעגִין גִימַאכט אַגרויסֶע סעודה לכבוד זַייא . ווִיא זַייא זֶענִין אַוועֶק גִיפאָרֶען פון בּרדיטשׁוב האָט דֶער רבי גִישִׁיקט נאָךְ כלי זמר מֶען זאָל זַייא בּעֶלַייטִין מִיט כלי זמר . אונ עֶר אַלֵיין האָט פאַר זַייא גִיטַאנצט . אַזוֹי אִיז עֶר זַייא נִיגאַנגִין בּעֶלַייטִין . ווִיא דֶער רבי אִיז צורִיק אַהֵיים גִיקומֶען . האָט אִים דִיא רבּיצִין דִיא צדיקת גִיפרעֶגט . פאַר וואָס האָסטוּ דיךְ אַזוֹי מבזה גִיוועֶן צו טאַנצִין פאַר דִיא כלי זמר אַזוֹי ווִיא אַיינֶער פון דֶעם פּראָסטִין נאַראָר עֶס אִיז דאָךְ נִיניג גִיוועֶן דִיא סעודה וואָס דִיא האָסט גִימַאכט פון זֵייעֶרט ווֶעגִין . האָט אִיר דֶער רבּי גִיעֶנטפֶערט ווִיא אַזוֹי זאָל איךְ נִישט טאַנצִין פאַר דֶעם חתן ? אַז איךְ זעֶה אַז אלי' הנביא טאַנצט פאַר דִיא כלי זמר . ווִיא אַזוֹי זאָל איךְ נִישט טאַנצִין ? זַיין זכות זאָל אונז בַּייא שטֵיין ולכי"א :

נאך א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב זצ"ל:

דער רבי פון בארדיטשוב איז גיפארין מיט זיין תלמיד ר' אריל"א פון זיטאמיר דארך ליזענסק זענין זיא איינגישטאנין ביא דעם רבי'ן ר' אלימלך. האט דער רבי ר"א גיפרעגט דעם רבי'ן ר' ל"י. פאר וואס נעמט איר צוא מיינע תלמידים. וויל אלע גרעסטע תלמידים פון רבי'ן ר' אלימלך זענין גיפארין צום רבי'ן פון בא"ד האט אים דער רבי פון בא"ד גיזאגט בדרך ענוות מיט דיזין לשון וועמים בין איך דען. איך בין דאך אייער תלמיד אויך. קימט דאך אוים אז מיינע תלמידים זענין אייערע תלמידים אויך. מיט דער תשובה איז דער רבי ר' אלימלך בערוהט גיווארין דער רבי פון בא"ד איז זיך גיפארין אויף איין ארט וויא ער האט בעדארפין אונ זיין תלמיד ר' ארילא איז איבער גיבליבין ביא דעם רבי'ן ר"א. אונ ער האט גילערינט אונ ר' אלימלך'ס קלויז אבער דער רבי האט דערפין נאר נישט גיוויסט אמאהל איז דער רבי ר"א אריין גיקומען אונ זיין קלויז אריין. האט ער גיזעהן אז ר' ארילא זיצט אונ לערינט אונ דער קלויז. האט ער אים גיפרעגט נאך וואס ביסטו נישט גיפארין מיט דיין רבי'ן. האט ער אים גיענטפערט מיין רבי'ן קען איך שוין. בין איך גיבליבין ביא אייך צו קענין. האט דער רבי ר' אלימלך אנגינומין דיא זשופוצא פון ר' ארילא אונ האט אים גיענטפערט מיט דעם לשון. דיין רבי'ן קענסטו? אפילו זיין זשופוצא קענסטו נישט בפרט אים אליין. פון דאנין קענין מיר זעהן וויא גרוים דער רבי ר' לוי יצחק איז גיוועזן. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

נאך א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב זצ"ל.

עס איז אמאהל גיקומען פאר דעם רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב א מלמד וואס ער האט גהאט אסך טעכטער האט ער גימיזט פערלאזין זיין היים אונ דיא ארענדא וואס ער האט געהאט וויל ער האט נישט געהאט צו בעצאהלין דעם פריץ. איז ער אוועק גיפארין אונ אויסטין וועג. אונ איז גיווארין מלמד. ער האט גילערינט מיט קינדער איז ער גיוועזן פערזאגילט פון זיין היים צוועליף יאהר. בין ער האט צינויף גיזאמילט • נאן הינדערט רו"כ. איז ביא אים געבליבין ער זאל אהיים פארין חתונה מאכין דיא טעכטער וויא ער איז גיפארין דארך בארדיטשוב. איז ער גיגאנגין צום רבי'ן אונ האט דארט גידאווינט מיט דעם רבי'נס מנין. איז אים זייער גיפעלין דעם רבי'נס דאווינין איז זיין ליבשאפט גיווארין פערבינדין אונ זיין הארץ. איז ער שוין נישט אוועק גיגאנגין פון דארט. נאכין דאווינין האט אים דער רבי גיגעבין שלום. אונ האט דעם מלמד גיזאגט אז ער זאל קומען צוא אים איבער ביסין וויא זיא

זייא האבין שוין אבגיגעסין . האט אים דער רבי גיזאגט איך וועל דיר דערציילין דרייא מעשות . נאר פאר יעדער מעשה זאלסטו מיר גיט בעצאהלין . דיא זאלסט מיר געבין פאראויס דרייא הינדערט רו"כ פאר יעדער מעשה . דער מלמד וויל זיין ליבשאפט איז גיוועזן זייער גרוים צום רבי'ן האט ער זיך גיקלערט לאז זיין וואס עס וויל זיין . וועט זיך אים דאכטין אז ער האט פערדינט ווינציגער דרייא הינדערט רו"כ . האט ער בעצאהלט דעם רבי'ן דרייא הינדערט רו"כ . האט אים דער רבי דערציילט ער זאל וויסין . אז עס וועט זיך אמענטש טרעפין צווייא וועגין אונ ער וועט נישט וויסין אונ וועלכין ער זאל גיין . זאל ער זיך קערין אונ דער רעכטער זייט ארויין . האט דער רבי גיפרעגט דעם מלמד צוא ווילסטו הערין דיא אנדערע מעשה . זאלסטו בעצאהלין נאך דרייא הינדערט רו"כ . דער מלמד איז גישטאנין אונ האט זיך פארווינדערט פאר דיא ווערטער האט ער בעצאהלט דרייא הינדערט רו"כ . ווער ווייסט נאך וואס פאר אנייס ער וועט אים דערציילין נאר וויל זיין ליב איז גיוועזן אנגיקניפט אונ דעם רבי'נס ליבשאפט . האט ער בייא זיך גיקלערט . וואס עס וועט זיין זאל זיין אונ ער האט אים בעצאהלט דאס צווייטע מאהל דרייא הינדערט רו"כ האט אים דער רבי דערציילט דיא אנדערע מעשה . דיא זאלסט וויסין אז איין אלטער מאן מיט איונג ווייב איז אהאלבער טויט . האט אים דער רבי גיפרעגט דיא ווילסט נאך הארכין דיא דריטע . מעשה . זאלסטו בעצאהלין נאך דרייא הינדערט רובל . וועסטו הערין . דער מלמד האט זיך כטעט דיא האר שיעור אויס גירויסין . וואס האט ער דא געהערט אונ איז גיקומען ? וויא אזוי וועט ער אהיים קומען צוא זיין ווייב אונ גרויסע טעכטער . אונ ער האט נאך דרייא הינדערט רו"כ . וואס וועט ער מיט זייא טוהן צוא זאל ער זייא געבין דעם רבי'ן פאר דער דריטער מעשה ? צוא זאל ער מיט זייא פארין אהיים ? אונ וואס וועט ער טוהן מיט דרייא הינדערט רוביל ? האט ער זיך מיישב גיוועזן אונ האט גיגעבין דיא לעצטע דרייא הינדערט רו"כ האט אים דער רבי דערציילט דיא זאלסט וויסין אז דיא זאלסט נישט גלייבין קיין שום זאך נאר וואס דיא וועסט זעהן מיט דיינע אויגין . דער נאך האט אים דער רבי גיזאגט גייא דיר לשלום . אונ השי"ת זאל מצליח זיין דיין וועג . וויא דער מלמד איז אוועק גיפארין פון זיין רבי'ן איין אויס גינאלטער פון בריידע זייטין . וואס ער האט צוועליף יאהר אב גיארבייט שווערע ארבייט פאר דיא דאזיגע דרייא טייערע מעשיות ? אויף דאס וועט ער אהיים ברענגין פון זיין גאנצער ארבייט ? אויב מיט דעם וועט ער שפייזין זיין ווייב אונ התונה מאכין זיינע טעכטער ? נאר זיין שטארק ליבשאפט צו זיין רבי'ן האט אונ אים גיברענגט . אונ ער האט גיגלייבט אז עס איז בודאי נישט קיין לעהרע זאך . האט ער אבגעהיטין דיא דרייא טייערע מעשיות איז ער גיגאנגין אונ האט גיקלערט צו ער זאל צוריק צו זיין מלומדות צוא ער זאל אהיים פארין . אזוי וויא ער איז גיגאנגין אויף דעם וועג . האבין אים מענטשין גיפרעגט צוא ער האט נישט גיזעהן א כתה גנבים אנטלויפין ? אונ אויף וועלכין וועג זייא זענין אנטלאפין ? וויל זייא האבין גירויבט אגרויס פארמעג . אונ זענין אנטלאפין אונ ער האט נאר נישט גיזעהן קיין

גנבים

גנבים. נאָר פון דעסט וועגין האָט ער געהיטין זיין רבי'נס עצה וואָס ער האָט אים גיזאָגט, אונ האָט זייא גיוויזען דעם וועג פון דער רעכטער זייט וואָס איז פאַר זייא גיוועזן. אַז דאָרך דעם וועג זענין זייא אַנטלאָפין, האָבין דיא יענערס זייא נאָך גיאָגט. האָבין זייא גיפינן אַז דיא גנבים האָבין דאָרט גירוהט. ממילא האָבין זייא שוין דיא גנבה אויך גיפינין האָבין זייא דעם מלמד בּאַצאָהלט דעם גאַנצין שכר האָט ער גיוויסט דעם ציין פון דער ערשטער מעשה, איז ער גיפאָרין אונ איז גיקימען אונ אַ גאַנטש הויז אַריין דאָרט האָט גיוואָהנט איין בעה"ב איין אַלטער. אונ זיין ווייב איז גיוועזן אַ יונגע אונ אַ איידילע. האָט ער גיבעטין איין אָרט צו נעכטיגין. ווייל עס איז שוין נאַכט. האָט אים דיא אשה דיא בעה"ב נישט גילאָזט דאָ נעכטיגין. האָט ער אָנגעהויבין צוא זיכין אַגאַסט הויז אויף איין אַנדער אָרט. האָט ער נישט גיפינען איז ער צוריק גיקימען צו דער קרעטשמע. זענין שוין דיא טירין גיוועזן פערשלאָסין אונ אַרעגין איז גיגאַנגין האָט ער נישט גיוויסט וואָס צו טוהן האָט ער זיך גילייגט אינטער דיא בעלקים פון שטיב. אינטער דעם דאַך. ווייל ער האָט גימיסט אַז דיא בעה"ב'תטע וועט אים נישט עפינין דיא טהיר. אונ זייער אַלטין מאַן האָט ער גיזעהן ליגין אונ אַבעזינדער חדר ווייל ער איז נישט גיזינד גיוועהן. פליצלינג האָט ער געהערט אַז האַלבע נאַכט איז גיקומען אַוואָגין מיט מענטשין אונ האָבין אָהן גיקלאָפט בייא דער טהיר האָט זיא זייא תיכף גיעפינט זענין די מענטשין גיגאַנגען אַהין אונ צוריק. האָט דער מלמד געהערט אַז זייא סודין זיך איינער מיט דעם אַנדערין. עס ליגט דאָךְ אַמעטש אונטער דעם דאַך פון דער שטוב. טאָמער דרימילט ער נאָר. וועט ער הערין אונזערע רייד אונ די מחשבות! האָבין זייא גיזאָגט איינער צום אַנדערין ער איז זיכער אשיכור. וועלין מיר זעהן אויב ער שלאָפט. האָבין זייא אים גירוקט אַהין אונ צוריק. אונ גיוועקט אים. אונ ער האָט זיך גימאַכט ליגינדיג וויא אַשכור וואָס ער וויסט נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים זענין די מענטשין גיגאַנגען אונ האָבין זיך איין עצה געהאַלטין. אַז זייא זאָלין הרגינין דעם בעה"ב דאָרך דער עצה פון זיין יונג ווייב. האָט זיך דער מלמד דערמאַנט די אַנדערע מעשה פון דעם רבי'ן. וויא ער האָט גיזעהן אַז זייא גייען שוין הרגינין דעם בעה"ב. האָט ער תיכף גימאַכט אַגרויס גיוואַלד אונ האָט אויף גיוועקט דעם בעה"ב זענין די רוצחים דער ווייל אַנטלאָפין. האָט דער מלמד דער ציילט דעם זקן די גאַנצע מעשה האָט אים דער זקן גיפרעגט וואָס ווילסטו פאַר דעם? האָט ער גיענטפערט דרייא הונדערט רו"כ קרן. אונ דיא פירות אויף יענער וועלט. איז ער זיך אַוועק גיגאַנגין האָט ער שוין געהאַט דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט גיגעבין פאַר דיא דרייא מעשיות. ווייל דיא גיפינערס פון דער גניבה האָבין אים אונ גאַנצין בעצאָהלט. וויא ער איז גיקומען נאָהנט צו זיין היים האָט ער אָנגעהויבען נאָך צו פרעגין אויף דעם אונ דעם (דהיינו אויף זיך. ווייל ער האָט שוין צוועליף יאָהר נעהאַט פערלאָזט זיין היים אונ האָט זייא נאָר נישט גישריבין) האָט מען אים דערציילט אַז דער מלמד איז שוין פון דאַנין אַוועק גיפאָרין שוין צוועליף יאָהר אונ מען הערט פון אים נאָר נישט אונ זיין ווייב האָט אָפּגיקערט

אָפּגיקערט פון גיטען וועג אָבער ער
האָט גידענקט דעם רבי'נס דריטע מעשה. אַז ער זאָל נישט גלייבין קיין שום זאַך כל זמן ער וועט נישט זעהן האָט ער פערשטאַנין אַז דער רבי האָט נאָר גימיינט אויף דעם וויא ער איז אַהיים גיקימען האָט ער זיך גימאַכט וויא אַשיכור און ער האָט זיך פערענדערט זיינע מלבושים כדי זיין וייב און קינדער זאָלין אים נישט דער קענין. ביי נאַכט האָט ער זיך גימאַכט וויא אַשיכור און איז אַנידער גיפאַלען אונטר דעם טיש און ער איז דאָרט געלעגין ער האָט זיך גימאַכט שלאָפענדיג. ביי נאַכט האָט ער גיזעהן און געהערט אַז ביי דעם פענסטער קלאַפּט זייער אַ שיינער בחור. האָט זיא אים גיעפינט און איז מיט אים אַריין גיגאַנגען און אַבעזינדער חדר אַריין. און האָבין פערשלאָסין די טהיר. און אין דער פריא איז דער בחור אַוועק גיגאַנגען. אַזוי איז גיווען אַלע נאַכט. האָט זיך דער מלמד נישט גיקענט קיין עצה געבין. וייל ער האָט גיזעהן אַראי' צו דעם וואָס מען האָט אים גיזאָגט. פון דעסט וועגין האָט ער נעהיטין זיין רבינ'ס רייד אַז ער זאָל נישט גלייבין קיין שום זאַך אַז ער וועט נישט זעהן מיט די אויגין. האָט ער זיכער גיוויסט אַז דער רבי האָט דאָס גיקיקט מיט זיין רוה הקודש. האָט ער זיך מיישב גיוועזן און איז אַוועק געגאַנגען פון דאָרט און אַפּאָהר טאָג אַרים איז ער אַהיים גיקומין אָנגעטוהן זייער שיינע קליידער. אַזוי וויא אַמאַן צו זיין וייב. האָט זיך דיא שמחה גיגרייסט און איר. זיא האָט נאָר גישריגין מיין מאַן מיין מאַן. די קינדער האָבין זיך אויך מיט אים גיפרייט. אָבער ער האָט צוא איר נאָר גישריגען וואָס פרייסט די דיך אַזוי מיט מיר? איך האָב דאָך אויף דיר אַזוי און אַזוי געהערט און איך אַליין האָב אויך גיפּריבט די זאַך האָב איך גיזעהן אַז עס איז ח"ו אמת. און אַזוי האָב איך געזעהן דריא נעכט דורך אַנאַנד. האָט זיא אים גיזאָגט די זאָלסט נישט זיין גיאיילט צו זאָגין אַזאַי זאַך. גידענק נאָר אַז בשעת די ביסט אַוועק גיגאַנגין פון אונז און די האָסט אונז פערלאָזט און דאָס קליינע קונד וואָס איז גיוועזן מיט אונז וואָס עס הייסט אַזוי און אַזוי האָט עס דער פּריץ צו גינימען פאַר אַמשכון דאָרך דעם חוב פון דער אַרענדע געלד וואָס דוא ביסט אים שולדיג. איז דאָס קונד אויף גיוואַקסין גיוואָרען ביי דעם פריץ. איבער דעם האָב איך איינגירעט אונזער קונד אַז ער זאָל אַלע נאַכט צו מיר אַהיים קימין. און איך לערין מיט אים חומש און דאַווינין. כדי ער זאָל נישט ווערין פאַרמישט צווישין גוים ח"ו. און אויב דיא גלייבסט מיר נישט דערויף קענסט די פּרובירין דיא זאַך. זאָלסטו דאָ נעכטיגין די נאַכט וועסט די זעהן אַז מיינע רייד זענין אמת. עס איז אַזוי גיוועזין. דער בחור איז גיקימען ביי נאַכט און האָט אָהן גיקלאַפּט ביי דעם פענסטער. האָט זיא אים גילאָזט אַריין גיין. האָט זיא מיט אים גילערינט אַזוי וויא זייער שטייגער איז גיוועזן אַלע נאַכט. דאַמאָלס האָט ער פערשטאַנין דעם רבינ'ס רייד און האָט דערקענט דאָס קינד אַז עס איז זיין זוהן. וואָס איז שוין פון לאַנג אויף גיוואַקסין. איז גיוואָרין צווישין זייא אַגרויסע שמחה האָט ער דעם פּריץ בעצאָהלט דעם חוב און האָט זיך צוריק גינימען זיין זוהן און ער מיט זיין וייב האָבין זיך ערנעהרט מיט דיא רעשט געלד:

עטרת זקנים

נאך א מעשה פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב זצ"ל.

עס איז גיוועזן איינער א משכיל אגרויסר למדן. נאר ער איז גיוועזן אגרויסר אפיקורוס ער פלעגט לערנין פאר קעהרטע טייטשין אונ דער תורה. ער האט גיוויסט מטהר צו זיין אשרץ מיט הונדערט אין פיפציג טעמים. ער זאל ווייזין אז נישט אויף דעם האט דוא תורה גימיינט. ער פלעגט נאך ברענגין ראיות דערצו מיט משלים אזוי וויא זייער שטיינער איז תמיד. דער אפיקורוס האט געהאט אוויכוח מיט פיל גדולי ישראל (רבנים) וואס זייא האבין אים גיוויזין ראיות פין פסוקים וועגין תורה אין מצות. אונ אז עס איז פערהאנדען א שכר אין איין עונש וכדומה. אונ אזוי וויא ער פלעגט נאר ארויס צו גיין פון זייא. האט ער זיך גיברענגט ראיות פארקעהרט. וויא דער רבי ר' לוי פון ברדיטשוב האט דאס געהערט איז ער אויך גיגאנגין מיט אים האבין אוויכוח. וויא ער איז צו אים אריין גיקומין. האט ער גיזעהן אז דער משכיל גייט ארום איבער דער שטוב. אונ ער האלט א ספר אונ זיין האנד. אונ ער לערינט מיט אגרויס התלהבות. אונ זיין גישטאלט איז גיוועזן זייער פארכטיג. ער האט צו זיך אזוי גירעדט. טאמער איז דאס ענין אזוי וויא עס שטייט. האט ער פיל מאהל איבער גיחזרת דעם פסוק. אונ דער רבי איז גישטאנין אונ האט גיווארט ער זאל זעהן וואס דאס איז. איז אויף אים גיפאלין אגרויסער פחד פאר דעם שיינקייט פון דעם מענטש. זיינע קניא האבין גיקלאפט איינס צו דעם אנדערין. ציב סוף איז דער רבי ר' לוי יצחק צו איב צו גיגאנגין. אונ האט צו אים גיזאגט הער אויס מיין זוהן. דו ביסט שוין לאנג גיוועזן בייא אסך גאונים פון די יודין. אונ זייא האבין דיר אלע גיוויזין דעם שכר פון תורה אונ פארקערט דעם עונש. אבער זייא האבין קאליע גימאכט זייערע זיסע רייד. ווייל אז דו ביסט ארויס גיגאנגען פון זייא איז עס בייא דיר גיוועזן אזוי וויא אגילעכטער ווייל עס איז דאך נישט מעגליך דיר צו ווייזין אויף דעם טיש דאס גיהנם אונ דאס גן עדן אונ וואס וועט מיר דען ארויס קומין אז איך וועל דיר זאגין דאס אייגינע נאר הערצי מיין זוהן. טאמער איז אמת אזוי וויא עס שטייט אין דער תורה. זאלסטו גידענקין דיא גרויסע סכנה וואס שוועבט ארים דיין קאפ. ווייל טאמער איז אמת וויא אהין וועסטו אנטלויפין דאס איז נישט אזוי וויא אזאקאן פון קייזער וואס מען קען פסקינין וויא אזוי מען וויל. נאר מען איז איין געשטעלט מיט דעם לעבין. נאך אזעלכע רייד האט ער צו אום גירעט ביז ער איז גיווארען א בעל תשובה גמור. ער האט שוין נישט גיזוכט קיין שום היתרים נאר ער האט מקיים גיוועזן אזוי וויא עס שטייט אונ דער תורה:

נאך א מעשה פון רבי'ן ר' לוי יצחק פון בארדיטשוב ז"ל.

אמאהל איז ער גקומין אונ אונגארין צו איין אומבעקאנטין

קצב. האָט אום דער קצב גיפֿרעגט אויב ער איז אשוחט. ווייל ער דאַרף שעכטין אבהמה. און דער שוחט האָט גיוואָהנט צוויא מייל ווייט פֿון דעם דאָרף. און ער האָט גידאַרפֿין נייטיג האָבין דאָס פֿלייש ער האָט נישט גיקענט וואַרטין אויף דעם שוחט. האָט אום דער רבי געענטפֿערט יאָ. האָט דער קצב גיוואָלט ער זאָל אום שעכטין די בהמה וועט ער אום בייצאָהלין טאָפּיל וויא דעם שוחט. האָט אים דער רבי גיזאָגט איך וועל טוהן דיין ווילין נאָר איך האָב צו דיר אבקשה. איך דאַרף היינט נייטיג צוואַנציג רו"כ. דעריבער בעט איך דיך דו זאָלסט מיר לייען דיא סוממע געלד. און אין נאָך עטליכע טאָג אַרום וועל איך דיר זייא אָב ברענגין מיט דאַנק. ווייל איך פֿאָהר אים אויף די דערפֿער נאָך נדבות. און איך בין ב"ה אמצליח. און מען דער קענט אין מיר אויך אַז איך בין אַבעגלייבטער מאַן. האָט אים דער קצב גיזאָגט. דו זאָך זאָלט איר מיר מוחל זיין ווייל איך קען דאָך אייך אָבער נישט. וויא אַזוי קענט איר זשע מיך בעטין אַזאַ גרויסע זאַך איך זאָל אייך לייען צוואָנציג רו"כ אמענטש וואָס איך קען אייך נישט? דאַמאָלס האָט אים דער רבי גיזאָגט. זאָלען דיינע אויערין הערין. וואָס דו רעדסט מיט דיין מויל. צוואָנציג רו"כ ווילסטו מיר נישט לייען ווייל דו קענסט מיך נישט און שעכטין די בהמה ווילסטו דיך אויף מיר סומך זיין. און ווען עס זאָל זיך דיר טרעפֿין איינער וואָס זאָל ווען פֿאַרדינין אַרייניש. שחיטה געלד און ער זאָל שעכטין די בהמה און בודק זיין און כשר מאַכין וואָלסטו דאָך ח"ו גיוועהן אַ יודין גיגעבין צו עסין טרפֿות וואָס דאָס איז אַגרעסערע עבירה וויא נישט אָב צו געבין צוואָנציג רו"כ. דאַמאָלס האָט דער רבי דעם קצב גישטראָפֿט ער זאָל שוין אַזוי מיין נישט טוהן. און ער האָט אים דער ציילט אַז ער איז נישט קיין שוחט נאָר ער האָט אים גיוואָלט איבער פֿירין פֿון זיין גרינגע דעה:

וואונדערליכע מעשות פֿון רבי'ן ר' נחום טשערנאָבלער זצ"ל.

אַ מאָהל איז דער רבי ר' נחום גיוועזן און אַ שטאָט בשבת פּרשת וישב מיט זיינע חסידים. און דעם זעלבין פֿרייטיג האָט אמענטש גיברענגט אַ מתנה לכבוד דעם רבי'ן איין „קאַרפּאַטווא" און ווען דער רבי איז גיזעסין ביי דער סעודה פֿרייטיג צו נאַכט האָט אים דער משמש גיוואָלט געבין דיא קאַרפּאַטוויא צו עסין נאָר דער רבי האָט גיזאָגט ער זאָל איבער לאָזין אויף שבת און דער פֿריא. האָט דער משמש גינימען דאָס עוף און האָט עס אַריין גישטעלט אין איין פֿערשלאָסן קעסטיל וואָס איז גישטאַנין אין זיין חדר און דעם שליסיל האָט ער ביי זיך גיהאַלטין. וויא עס איז גיקומען האַלבער נאַכט איז דער רבי פּלוצלינג אויפֿגישטאַנין און האָט נעך גירופֿין דעם שמש און האָט אים אויף גיוועקט האָט ער זיך אָבגינאָסן דיא הענט און איז גיקומען צו גיין. האָט אים דער רבי גיהייסין אַז ער זאָל תיכף ברענגין דאָס עוף. האָט זיך דער שמש זייער פֿערוואונדערט וואָס

וואָס ער דאַרף יעצט האָבין דאָס עוף עס איז דאָך אַצינד ניט דיא צייט פון עסין ? ער האָט גיקלערט אַז דער רבי האָט מורא דאָס עוף איז נישט גוט בעהאַלטין. האָט איהם דער משמש גיענטפערט איך אַליין האָב דאָס עוף בעהאַלטין און האָב עס פערשלאָסין און אַ קעסטיל און איך האָב דעם שליסיל אויך. איז דיא שטיב ניט פערשלאָסין און די טירין זענין גאַנץ. האָט דער רבי אויף איהם ניט אָנגישריגין עס איז אַצינד נישט קיין צייט צוא וואַרטין נאָר גייא געך און ברענג מיר תיכף דאָס עוף אָהן איין שום תירוץ. איז דער שמש זייער דערשראָקין גיוואָרין און איז געך גילאָפין און חדר אַריין וואָס דאָס עוף איז דאָרט גיוועזין פערשלאָסין. און וויא ער איז אַריין גיקומען איז ער גיבליבין שטיין פער וואונדערט וויא ער האָט גיזעהן אַז אַקאַטץ איז גישטאַנין און קעסטיל און דיא דעק פון קעסטיל איז גיוועזן אָפין און דיא קאַטץ האָט שוין אָנגיהויבין צוא עסין פון דעם עוף. האָט דער שמש תיכף אַרויס גיאָגט די קאַטץ און האָט דאָס עוף אַהין גיטראָגין צום רבי'ן האָט דער רבי תיכף גינימען דאָס עוף און האָט אָהן גיהויבין צוא עסין דער פין אַזוי וויא ער איז נאָך גיזעסין אויף זיין בעט און האָט אויף גיגעסין דאָס עוף און גאַנצין אַפילו דיא ביינער און האָט גאָר ניט איבער גילאָזט און בעוויל דער רבי האָט גיזעהן אַז דער שמש פערוואונדערט זיך זייער אויף דער זאַך האָט איהם דער רבי גיזאָגט קים וועל איך דיר דערציילין וועסט דיא וויסין פאַר וואָס איך האָב דאָס גיטוהן. דוא זאָלסט וויסען אַז דאָס וואָס איך האָב דיך גיהייסין איבער לאָזין דאָס עוף אויף שבת און דער פריא דאָס איז בעוויל און דעם עוף איז גיוועזן אַנשמה פון אַחסיד וואָס מען האָט זיא גידאַרפט מתקן זיין. איז דער חסיד (דער טויטער) צוא מיר גיקימען און האָט מיך גיבעטין איך זאָל עסין פון דעם עוף איך זאָל איהם מתקן זיין. ע״כ וויל בענאַכט בין איך גיוועזן מיעד בין איך נישט גיוועזן בכח איך זאָל דאַמאָלס דיא נשמה מתקן זיין האָב איך דיך גיהייסין דיא זאָלסט עס איבער לאָזין אויף אין דער פריא ביז איך וועל מיך אָבריהין. נאָר וויא עס איז גיקומען האַלבער נאַכט איז צוא מיר גיקומען דיא נשמה פון דעם חסיד און האָט צוא מיר גישריגין מיט זייער אַביטער קול פאַר וואָס איך האָב אויף איהם נישט קיין רחמנות בעוויל ער האָט ביז יעצט גיליטען גרויסע יסורים ביז ער האָט זוכה גיוועזן אַריין צוא קימען און איין ריין עוף און ביז ער האָט זוכה גיוועזן ער זאָל צוא מיר אָהן קימען און יעצט זאָל ער דאַרפין אָהן קימען און דעם מויל פון אַטמא באַשעפעניש וואָרין עס שטייט אַקאַטץ און עסט זיין פלייש און נאָך און אַקליינע צייט וועט זיא איהם און גאַנצין אויף עסין וועט ער דאָך ווידער נישט האָבין קיין תקנה. בין איך דאַמאָלס תיכף אויף גישטאַנין און האָב גימיזט אויף עסין דאָס גאַנצע עוף בשעת איך בין נאָך גיזעסין אויף מיין בעט אַפילו אָהן מיינע מלבושים בעוויל איך האָב מורא גיהאַט אַז דיא קאַטץ וועט אויף עסין דאָס עוף איבער דעם האָב איך גימיזט אויף עסין דאָס עוף מיט דיא ביינער אַפילו דיא דאַרע בעוויל מיט דעם וואָס דיא קאַטץ האָט נאָר אַביסיל גיגעסין פון דעם פלייש האָט זיא דער נשמה גיטיהן אַגרויסע רעה. ע״כ האָב איך גימיזט

גימטריות מתקן זיין דיא צווייא זאכין מיט דעם וואס איך האב גיגעסין דאס עוף תיכף ווען איך בין גיזעסין נאך אויף מיין בעט און מיט דעם וואס איך האב גיגעסין אפילו דיא ביינער. יעצט ליבער לעזער זעה וויא ווייט אמענטש דארף זעהן ער זאל מתקן זיין זיינע מעשים כל זמן ער לעבט נאך אויף דער וועלט און אויך וויא ווייט דער כח פון דיא צדיקים איז גרויס אזוי זאלין מיר זוכה זיין מיר זאלין האבין אתיקון אויף דער וועלט אכי"ר:

נאך א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' נחום פון טשערנאביל זצ"ל:

דער רבי ר"מ פון הוסאטין איז אמאהל פרייטאג צו נאכט געשטאנין ביים דעם פענסטער א ע"ך פון א שעה האט ארויס גיקוקט. איז אריין גיקומין דער שמש ר' פייוויל און האט גיזאגט אז דער טיש איז שוין געגרייט און איז ארויס גיגאנגין דאט זיך דער רבי אום געדרייט און האט דערציילט דו מעשה. דער רבי ר' נחום פון טשערנאביל איז א מאהל גיפארין צום רבין ר' ברוך פון מעזיבוז איז ער אהן גיקומין קיין מעזיבוז ביי נאכט. איז ער צו גיפארין צו אנאכט הויז. און האט זיך אנגעטהין דוא מלבושים ער זאל גיין צום רבין ר' ברוך. האט מען מודיע גיוועזן דעם רבי'ן ר' ברוך אז דער רבי ר' נחום קימט אהן. איז דער רבי ר"ב אויף גישטאנין פון זיין שטוהל און איז צו געגאנגין צו דער טיר אקעגין דעם רבי'ן ר"נ. וויא דער רבי ר' נחום האט גיעפינט דו טיר אריין צו גיין. איז דער רבי ר' ברוך גישטאנין ביי דער טיר און האט אים גיגעבין שלום מיט גרויס ליבשאפט. זענין זייא ביידע אוועק געגאנגין פון דער טהיר. און זענין גיגאנגין און האבין זיך גיזעצט אויף דו שטולען ביי דעם טיש האט דער רבי ר"ב געפרעגט דעם רבי'ן ר"נ. וואס פאר אוועג האט איר געהאט? האט אים דער רבי ר"נ גענטפערט מיין וועג איז גיוועזן זייער גוט. איך האב געהאט קפיצת הדרך. איך וואלט גיוועזן גיקענט אהער קומין אייִדער עס איז נאך נאכט גיווארען. נאר איין מנועה האב איך געהאט אויפן וועג. וואס איך האב מיך א ביסיל פערזאמט. וואס איז דאס דו מנועה האט אים דער רבי ר' ברוך געפרעגט? האט אים דער רבי ר"נ דערציילט. אז איך בין געפארין אויף דעם וועג. איז גיקומין אויף איין גלייך ארט. האבין דו פערד נישט גיוואלט גיין בשום אופן. האט דער בע"ג גישלאגין דו פערד און עס האט נישט געהאלפין. האב איך געזאגט דעם בע"ג ער זאל אראפ גיין פון דעם וואגין ער זאל זעהן אפשר ליגט עפיס פאר דו פערד. וואס עס לאזט זייא נישט גיין. אשטיין אדער איין אנדערע זאך. איז דער בעל עגלה אראפ גיגאנגין פון וואגין און האט געקוקט. האט ער מיר גיזאגט אז עס ליגט גאר נישט עס זאל פארשטעלין דו פערד דעם וועג. רבי גייט איר אליין אראפ פון וואגין און זעהט. וועיל איך ווייס אז דו טבע פון דו פערד איז אז זייא ווילין נישט גיין. בין איך אראפ געגאנגין פון וואגין. האב איך גיזעהן אז פאר דו פערד ליגט א יודיש נפש. האבין

דו פֿערד דאָרך דעם ניט גיוואָלט גיין ווייטער. האָב איך גיזאָגט צו דעם נפש. פֿאַר וואָס פֿאַר שטעלסט דו מיין וועג. וואָס ווילסט דו? האָט דאָס נפש גיענטפֿערט. איך בין אַהער גיקומין אייך איבער בעטין. מיט דעם וואָס איך האָב קיינין אייך גיזונדיגט ווען איך האָב נאָך גילעבט אויף דער וועלט. און איר זאָלט מיר מוחל זיין. וויל איך קאָן נישט קומין צו קיין מנוחה ביז איך וועל אייך איבער בעטין און איר וועט מיר מוחל זיין. האָב איך אים געפרעגט. וואָס איז דאָס דו זינד. וואָס דו האָסט קיינין מיר געזונדיגט? האָט דאָס נפש גיענטפֿערט. איך האָב נעהאַט אַגרוים חלק און אייער מסירה. האָב איך אים גיענטפֿערט איך בין דיר מוחל. האָט דאָס נפש גיזאָגט איך האָב נאָך עפּיס צו זאָגין. האָב איך געפרעגט וואָס נאָך? האָט ער מיר גיענטפֿערט. דאָס וואָס איר זענט גיזעסין און דער תפיסה. בין איך דערינען גיוועין דער גורם. און איך האָב געוואָלט אַז איר זאָלט דאָרט אייביג זיצין. נאָר איר האָט נעהאַט גיטע מלוצים. וואָס איר זענט אַרוים פֿרייא. נאָר מיין ווילין איז גיוועין אַז איר זאָלט זיצין און תפיסה אייביג. האָב איך אים גיענטפֿערט דאָס בין איך דיר אויך מוחל. האָט דאָס נפש גיזאָגט איך האָב נאָך עפּיס צו זאָגין. האָב איך אים גיפרעגט וואָס נאָך? האָט ער מיר גיענטפֿערט. איך האָב אוים ניצווינגין אַשלעכטין שם אויף אייער אייניקיל חוה־לי. האָב איך אים גיענטפֿערט. אויף דעם בין איך דיר בשום אופן נישט מוחל. האָט ער מיך גיבעטין. בין איך בייז גיוואָרין. און האָב אים פֿאַרוואָרפֿין אונטער די הרי חושך. בין איך ווייטער גיפֿאָרין. דאָרך דעם האָב איך מיך פֿאַר שפעטיגט און בין אַהער גיקומין בייא נאַכט. ווייא דער רבי ר׳ ברוך האָט דאָס אוים געהערט האָט ער גיזאָגט צום רבי׳ן ר״נ. דו וועלסט האַלט מיך פֿאַר אַבעסן אַבייזער יוד. און אייך האַלט דו וועלט פֿאַר אַגוטין יוד. ווייא איז דאָס געהערט גיוואָרין מען זאָל מפקיר זיין אַ יודיש נפש און וואַרפֿין עס אויף איין אָרט עס זאָל קיין תיקון נישט האָבין. טוט איר אָהן אייער טיזליק. און איך וועל אָנטיען מיין טיזליק. און מיר ווילין גיין זיכין דאָס נפש מען זאָל עס מתקן זיין. דער נאָך האָט ר״מ פֿון הוסאַטין גיזאָגט יעצט איז שוין צייט צו גיין צום טיש. פֿערשטייט זיך אַז בשעת ר״מ פֿון הוסאַטין האָט אַרוים גיקיקט דאָרך דעם פֿענסטער האָט ער מתקן גיוועין דאָס נפש מיט זיין זעהן. זייער זכות זאָל אונז בייא שטיין.

ולכל ישראל אָמן:

וואונדערליכע מעשיות פֿון רבי׳ן ר׳ אַהרן טשערנאָבלער זצ״ל.

איינער איז אַמאָהל גיקומען קיין בערדיטשוב און איז אַריין גינאַנגין און. קלויז אַריין פֿון טשערנאָביל וואָס איז גיוועין און בערדיטשוב נאָך שחרית האָט ער געזיכט עטליכע מענטשין. וואָס ער האָט זייא גיוואָלט קויפֿין בראָנפֿין צו טרינקין. האָט ער דאָרט נישט גיפֿינען נאָר איין מענטש. און האָט אים דערציילט. איז דער מענטש גינאַנגין

און האט אים צו זאמין גירופין עטליכע מענטשין טשערנאבלער חסידים האט זייא דער מענטש אויך גיפרעגט. אויב איר ווילט טרינקין בראנפין וועל איך אייך געבין וויפיל איר ווילט האבין זייא גיענטפערט. יעצט האלטין מיר נאכין אנבייסין וועלין מיר נישט טרינקין קיין בראנפין. אויב איר ווילט אינז געבין ווין וועלין מיר טרינקין. איז דער מענטש מיט זייא גינאנגין און א שענק אריין. און האט זייא גיקופט ווין וויא פיעל זייא האבין גיוואלט. האבין זייא גיטרינקין האט דער אורח גיזאגט צוא דיא חסידים מיינע פריינד. פאר וואס פרעגט איר מיך נישט. דאך וואס פאר אסבה איך וויל אייך געבין ווין? האבין זייא אים גיענטפערט. אויב איר וועט אינז געבין נאך אהאלבע קווארט ווין וועלין מיר אייך פרעגין. האט ער אזוי געהייסין מען זאל זייא געבין נאך א האלבע קווארט ווין. האבין זייא גיטרינקען. דער נאך האבין זייא אים גיפרעגט. האט ער זייא אנגעהויבין צו דערציילין. דיא מעשה איז אזוי גיוועזן עס איז שוין עטליכע יאהרין בין איך גיפארין און דער שטאט... אריין אויף איריד און האב מיט געהאט פיער הינדערט רובעל איך זאל קויפין סחורה און מיין גיוועלב אריין. נאך איין מענטש פון א שטאט איז טיט מיר גישטאנין און א סטאנציע און איין חדר. וואס ער איז אויך גיקומען אויף דעם יריד ער זאל קויפין זיין סחורה. ער האט אויך מיט זיך מיט געהאט פיר הינדערט רו"כ. נאר דאס גאנצע געלד וואס ער האט מיט זיך גיבראכט. איז ניט גיוועזן זיין. ווארין ער איז גיוועזן איין ארימאן נאר מען האט אים געהאלטין פאר א בעגלייבטין מענטש. האט מען אים גילויגין דיא סוממע. ער זאל פארין אויפן יריד ער זאל קויפין סחורה. וועט ער מיט זיין ווייב זיך מפרנס זיין. וויא ער איז אויפגישטאנין און דער פריא פון זיין גילעגער. איז ער ארוים גינאנגין אויף דער גאס און האט פארגעסין דאס גאנצע געלד אויפן גילעגער. האב איך גיפינין דאס געלד. און האב עס מיר צוא גינימען האב איך גיהארכט צוא דעם אהן רעדער מיין יצר הרע. און האב אים נישט אבגיגעבין זיין געלד דער ארימאן איז צוריק גינאנגין און זיין נאסט הויז אריין. און האט גישריגין און גיוויינט אויף דעם וואס ער האט פערלוירין זיין געלד. ער האט גימיינט אז ער האט פערלוירין דאס געלד און מארק און ער איז זיך אהיים גיפארין מיט גרוים עג"נ. וויא ער איז אהיים גיפארין האבין אים דיא בעלי חובות נישט גיגלייבט אז ער האט דאס געלד פערלוירין. האבין זייא אים חושד גיוועזן אז ער האט בעהאלטין דאס געלד און ער וויל זייא גזלין. איז ער בייא יעדין זייער פאר מיאוסט גיווארין ביז מען האט אים אב גיגעבין צום קייזער פאר אזעלנער און זיין ווייב מיט דיא קינדער זענין גיוועזן גישוואלין פאר הינגער און דארשט און עס האט זיך קיינער נישט איבער זייא דער בארימט. און איך האב זייער מצליח גיוועזן און מיין מסחר. און בין גיווארין אגרויסער עושר. האב איך פארגעסין דאס רויבינג וואס איך האב גירויבט הערשט אקליינע צייט. וויא איך בין גילעגין און גישלאפין איז צוא מיר גיקומען דער מענטש און חלום. און האט מיר גיזאגט דיא זאלסט נישט מיינין אז דיא וועלט איז הפקר ח"ו. קום מיט

מיר האָבין אַ דין תורה פאַר דעם
ב"ד של מעלה. איך וועל דיך נישט
אָבלאָזין ביז דיא וועסט דיך נייען
משפטין מיט מיר בייא דעם ב"ר של
מעלה וויא איך בין אונ דער פריא
אויף נישטאַנין פון מיין שלאָף. האָב
איך נידענקט דעם חלום נאָר איך
האָב מיר נישט גינימען צום האַרץ
קיין סך. ווייל איך האָב ניקלערט עס
איז דאָך נאָר אַ חלום אַ חלום זאָגט
ליגינט. דו צווייטע נאַכט איז צו
מיר נאָך אַ מאָהל גיקומען דער מענטש
אונ האָט צו מיר גירעדט וויא פריער.
אונ אַזוי דו דריטע נאַכט ער האָט
מיך זייער דער שראָקין. דענסט מאָהל
איז אויף מיר גיפאַלין אַ טויטע
פאָרכט ווייל איך האָב גיזעהן אַז
דו זאַך האָט אַממש. בין איך
קראַנק גיוואָרין דאָרך דעם גרויסין
פחד. בין איך תיכף גיפאָרין צוא ר'
אַהרן פון קאַרלין. וואָס איז נאָהנט
צו מיין שטאָט האָב איך אים דערציילט
בסוד דו גאַנצע געשיכטע האָט ער
זיך מיישב גיוועזן אונ האָט מיר
גיענטפערט. איך וועל דיר איין עצה
געבין. אונ הש"י זאָל זיין מיט דיר
אַז דו וועסט אַהיים קימען. דאַמאָלס
אַז דער טויטער וועט צו דיר נאָך
אַמאָהל קימען וועגין דער זאַך.
זאָלסטו זאָגין אַז דו ווילסט דיך
נישט נייען לאָדין מיט אים פאַר
דעם ב"ד של מעלה. ווייל דו תורה
איז צו אינז ניגעבין גיוואָרין נישט
אונ הימעל איז זיא. איך וויל מיך
נייען לאָדין פאַר ר' אַהרן פון טשערנאָביל
אונ וואָס דער רבי וועט אויף מיר
פסקינין וועל איך האָרכין. אונ אויב
דער טויטער וועט נישט וועלין האָב
איך דיר נישט צו געבין קיין אַנדערע
עצה. עס איז אַזוי גיוועזן איך בין
אַהיים גיפאָרין איז דער טויטער צו
מיר גיקומען וועגין דער זאַך. האָב
איך אים גיזאָגט אַז איך וויל מיך
מיט אים נייען לאָדין פאַר דעם רבי'ן
ר' אַהרן ז"ל אונ דער טויטער איז
ב"ה בעשטאַנין אויף דעם. האָב איך
אים גיבעטין ער זאָל מיר אַביסיל
וואַרטין ביז איך וועל גיזינד ווערין.
וועל איך דערנאָכט פאָרין קיין
טשערנאָביל. איך זאָל מיט אים האָבין
אַ דין תורה פאַר ר' אַהרנ'ן. איז
אַזוי גיוועזן וויא איך בין גיזונד
גיוואָרין בין איך גיפאָרין קיין
טשערנאָביל צום רבי'ן ר' אַהרן. אונ
האָב אים גיזאָגט אַז איך האָב מיט
אים צו רעדין אַסוד. איז ער מיט
מיר גיגאַנגין אונ זיין חדר אַריין וואָס
איז אָבגעזינדערט אויף סודות שמים'ן.
אונ האָב אים דערציילט דו גאַנצע
געשיכטע. האָט מיר דער רבי אַרויס
גיגעבין אַצייט אויף דעם. וויא עס
איז גיקומען אונ דער פריא פון דעם
טאָג. האָט דער רבי גישיקט איין
עקסטרא שליח נאָך מיר. בין איך
צו אים גיגאַנגין מיט אַנרוים ציטערניש
האָט מיך דער רבי אַנידער גישטעלט
אונ זיין חדר. אונ דער רבי איז
גישטאַנין בייא דעם פענסטער אונ
האָט אַרויס גיקיקט איין ערך פון
אַ פערטיל שעה. דער נאָך האָט ער
זיך גיגעבין אַדריי אוים צו מיר אונ האָט
מיר גיזאָגט. חאָטש דער טויטער
מאָהנט דאָך נפשות פון דעסט וועגין
איז מיין פסק אַזוי. דיא זאָלסט
איבער רעכינין דיין גאַנץ פאַרמעג
פון קליין ביז גרוים. אונ וויפיעל
עס וועט אָהן טרעפין. זאָלסטו העלפט
פון דעם גאַנצין געבין דער אַלמנה
מיט דו יתומים. אונ דו אַנדערע
העלפט זאָלסטו דיר נעמין. אויב דו
וועסט מקיים זיינע מיינע רייד איז
ניט. אונ האָט זיך צוריק אוים
גידרייט צום פענסטער. אונ איז
גישטאַנין אַ פאָהר מינוטין אונ האָט

זיך ווידער איבער גידרייט צו מיר און האָט גיזאָגט. חאָטש דער טויטער תענית אויף דעם פסק. אז דיין העלפט פאַרמעגן קומט אים סאַי וסאַי. און וויא זענין די יסורים און זיין טויט. און זיין ווייב און קינדערם יסורים אפשר איז זיין טענה רעכט פאַרטינ. פון דעסט וועגין. איז נאָך מיין פסק גאָר נישט. און אַזוי וויא איך האָב גיזאָגט וועט מקוים ווערין און דיא זאָלסט דיך גאָר נישט שרעקין. נאָר זאָלסט מקיים זיין מיין פסק בין איך אהיים גיפאָרין בשמחה און האָב ניט איבער גירעכינט יעגן גאַנצן פאַרמעגן. האָט עם אָהן גיטראָפין פערציג טויזינד רוביל האָב איך גינומען העלפט צוואַנציג טויזינד רוביל. און האָב גינעבין זיין אלמנה מיט יתומים אַזוי וויא דער רבי האָט גיפסקינט פאַר דעם גיב איך אייך זיינע קרובים און חסידים משקה. ווייל אייער רבי האָט מיך ב״ה אויס גלייזט פון דעם דין פון ב״ד של מעלה זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ יודה׳לי מגריידונג זצ״ל.

דער רבי ר׳ יודה׳לי איז צו אים איינמאָל גיקומען איין יודעני מיט אַ גיוויין און זיא האָט אים גיבעטין אַז ער זאָל גיין צו איהר מאַן ער איז שטאַרק שלאָף ער קאָן צום רבי׳ן ניט גיין ער דאַרף מיט אים צו שמיסען נייטיגע זאַכין איז דער רבי גיגאַנגין און מיט אים איז מיט גיגאַנגין עטליכע מענטשין. דיא יודעני איז גיגאַנגין פאַר אוים פאַר זייא צו ווייזין וויא זיא וואָהנט. אַזוי וויא זייא זענין גיקומען צו דער טוהר פון דעם שלאָפין האָט דער רבי גיעפינט דיא טוהר ער זאָל אריין גיין צום שלאָפין איז ער דער שראָקין גיוואָרין און האָט פער שלאָסין צוריק דיא טוהר און ער איז גישטאַנין אינטער דער טוהר עטליכע מינוט. דער נאָך האָט ער גיעפינט דיא טוהר און איז אריין גיגאַנגין צום שלאָפין און האָט זיך גיזעצט לעבין אים. האָט דער שלאָפער אָהן גיהויבין צו וויינין פאַר אים אַז ער שפירט אָהן זיך אַז ער וועט שטאַרבין און ער איז אַ פרעמדער מענטש און האָט ניט גיטוהן קיין גיטס אויף דער וועלט. האָט אים דער רבי גיפרעגט צו ער גידענקט עפּים פון אַ זאַך וואָס ער האָט גיטוהן גיטס אויף דער וועלט האָט דער שלאָפער גיענטפערט אַז ער האָט ניט גיטוהן קיין גיטס ער איז נאָר אַ פראָסטער מענטש. זיין פרנסה איז וואָס ער איז גיוועזן איין קצב. נאָר איין זאַך גידענק איך וואָס איך האָב גיטוהן פאַר איין גיטס. איינמאָל בין איך גיגאַנגין צו מיין אַרבייט און דער פריא האָב איך גיזען וויא איין וואָגין פיל מיט מענטשין און מיט קליינע קינדער פאָרין פון אַ באַרג און דער שטייסיר איז גיוועזן אַ שיכור און ער האָט ניט איין גיהאַלטין דיא פערד אַז ער זאָל פאָרין גלייך און בייא דיא עקין פון דעם באַרג איז גיוועזן אַ טאָהל און אַלע מענטשין זענין גיוועזן איין גישטעלט מיט זייער לעבין. און דיא אַלע מענטשין האָבין גישריגען. בין איך צו גילאָפין צו דעם וואָגין און מיט מיין גאַנצין קרעפט האָב איך איין גיהאַלטין

גיהאַלטין דיא פערד אונ מיט מײַן אַקסיל האָב איך אינטער גיהאַלטין דעם וואָגין ביז אַללע מענטשין זענין אַראָפּ גישפּרונגין פון דעם וואָגין. אונ דער נאָך האָב איך אָב גילאָזט דיא פערד זענין זייא אַראָפּ גילאָפין פון דעם באַרג אונ דיא פערד זענין גיהרגיט גיוואָרין אונ דער װאָגין איז צו בראָכין גיוואָרין אונ דיא אַללע מענטשין זענין באַשעֶרמט גיוואָרין פון טויט דאָרך מיר. האָט דער רבי גיבעטין איהם אַז נאָך זײַן טויט זאָל ער אים [illegible] דער צײַלין אַלדינג וואָס מען וועט אים טוהן דאָרטין. דער נאָך איז דער רבי אַהיים גיגאַנגין מיט דיא מענטשין. אויף דעם וועג האָבין דיא מענטשין דעם רבי'ן גיפרעגט פאַר וואָס ווען ער האָט גיעפינט דאָס ערשטי מאָל דיא טוהר איז ער דער שראָקין גיוואָרין אונ האָט זיא פער שלאָסין צוריק אונ ער איז גישטאַנין עטליכע מינוט אינטער דער טוהר אונ דער נאָך האָט ער צוריק גיעפינט אונ איז אַרײַן גיגאַנגין. האָט דער רבי זייא גיענטפערט אזוי. וויא איך האָב גיעפינט דיא טוהר האָב איך גיזען אויף דעם קאָפּ פון דעם שלאָפין שטייט אַ מנורה פון פײַער אונ זיבען לעכט פון פײַער ברענט זיך דאָרך דעם בין איך דער שראָקין גיוואָרין בין איך גישטאַנין צו באַקלערין מיך. אונ דער נאָך בין איך אַרײַן גיגאַנגין צו אים. האָב איך אים גיפרעגט וואָס פאַר אַ גיטס ער האָט גיטוהן האָט ער מיר דער צײַלט דיא זאַך אַז ער האָט באַשעֶרימט פיהל מענטשין פון דעם טויט. דאָרך דעם האָט ער זוכה גיוועֶן צו דער מנורה פון פײַער. נאָך דעם טויט איז ער גיקומען צו דעם רבי'ן אונ האָט אים דער צײַלט אַז מען האָט אים גינומען אונ מען האָט אים גילייגט אויף אַ וואָג שאָל צו זעהן וועלכעס וועט באַוועגין צו דאָס שלעכטע צו דאָס גיטע. האָט באַוואוגין דאָס שלעכטס. דער ווײַל איז גיקומען אַ וואָגין מיט מענטשין אונ נאָך זאַכין אונ מען האָט דעם וואָגין מיט דיא מענטשין מיט דיא זאַכין אונ מיט דער בלאָטי וואָס עס איז גיוועֶן אויף דיא רעדער אַרויף גילייגט אויף דער וואָג וואָס עס איז גיוועֶן דאָס גיטס האָט דאָס גיטס באַוואוגין דאָס שלעכטע. אונ מען האָט אים גיפירט אין גן עדן אַרײַן. דאָרך דעם וואָס איך האָב אײַך צו גיזאָגט אַז איך זאָל קומען אײַך דער צײַלין בין איך גיקומען אײַך דער צײַלין. מײַן טאָר איך ניט דער צײַלין. דער זכות פון דעם רבי'ן זאָל אינז בײַא שטײַן אָמן:

אַ װוּנדערליכע מעשה פֿון רבי׳ן ר׳ אַהרן קאַרלינער.

דער רבי ר׳ אהרן פֿון קאַרלין איז אײנמאָהל גיזעסין אונ האָט גילערינט. איז איהם שווער גיוועזן אַ זאַך ער האָט ניט פֿערשטאַנין האָט ער גיבעטין דעם אײבערשטין אַז ער זאָל איהם העלפֿין אַז ער זאָל פֿערשטײן דו זאַך. פּלוצלינג איז אײנער אַרײַן גיקומין צו איהם אונ שטוב אַרײַן ער איז גיוועזן אײן שמשׂיר וואָס ער איז שוין לאַנג גיוועזן טוט. דער רבי האָט איהם דערקאָנט דער שמשׂיר האָט איהם דער לאַנגט אַ בריף דער רבי האָט דעם בריף גיעפֿינט האָט ער גיזעהן אַז עס שטײט אונ דעם בריף פּשט אויף דו זאַך וואָס ער האָט ניט פֿערשטאַנין האָט ער זיך גיפֿרײט אײנס וואָס עס שטײט פּשט אויף דו זאַך וואָס ער האָט ניט גיוויסט. אונ צוויטינגס גאָס מען האָט איהם צו גישיקט פֿון הימיל אַז ער זאָל פֿערשטײן דו זאַך נוט. דער רבי האָט גיפֿרעגט דעם שמשׂיר וויא אַזוי עס איז איהם אויף יענער וועלט האָט דער שמשׂיר גיענטפֿערט אַז עס איז איהם גוט ער זיצט אונ אײן שײנע שטוב זיא איז אוים גיצירט מיט שײנע זאַכין נאָר דאָס אײנע איז איהם שלעכט ער זיצט אַלײן אונ דער שטוב. האָט דער רבי איהם גיפֿרעגט פֿאַר וואָס קומט דיר אַזוי. דיא ביסט דאָך גיוועזן אײן פּראָסטער מענטש אויף דער וועלט האָט ער איהם גיענטפֿערט דורך אײן זאַך האָט מען מיר דאָס גיגעבין. אײנמאָהל בין איך גיפֿאָרין מיט מײַן וואָגין אונ וואַלד האָב איך גיזעהן וויא אײן יוד האָט ניהאָנגין אויף אײן בוים אין ער האָט גישריגען אַז מען זאָל איהם אַראָפּ נעמין פֿון דעם בוים בין איך אַראָפּ גישפּרונגין פֿון וואָגין מיט אײן מעסיר אונ האָב אָב גישניטין דעם שטריק פֿון איהם אונ ער איז גיבליבין לעבין דורך דעם האָט מען מיר גינעבין דעם שׂכר. האָט דער רבי איהם גיזאָגט אַז עס קומט דיר דאָס בעוול דו האָסט בײַשערימט אַ יוד פֿון טוט. זײַן זכות זאָל אונז בײַא שטײן. אמן:

אַ װוּנדערליכע מעשה פֿון רבי׳ן ר׳ לײבּיש פֿון אָזירוב אונ אָפּילע זצ״ל:

דער רבי ר׳ מאיר ישעי׳ סקליסנטוב איז אַמאָהל גיקומין הושענא רבה האָט דער צײַלט אַז עס איז גיקומין דער שוחט צו זײַן

שוועהר דער רבי ר' לייביש פון אפאליע אונ אוזעריב שעכטין עופות אויף שמיני עצרת אונ ש"ת עס איז דארט גיוועזן איין ערך פון דרייסיג נעגז. בעוודיל אויף די צווייטע טעג ע"ט פלעגין צו קומין א סך חסידים אויך פלעגין זייא קומין אויף הושענא רבה כדי זייא זאלין זעהן וויא אזוי ער פירט זיך מיט דעם חלל זאגין אויך בשעת ער שאקילט מיט דעם לולב אויך אלע זיינע התנהגות בעוודיל מען האט דארט גיזעהן וואונדערליכע זאכין. ע"כ זענין גיקומין א סך חסידים צו זעהן דאס אלעס. וויא דער שוחט איז געקומין שעכטין די נעגז הושענא רבה אונ דער פריא. האט דער רבי ארויין גירופין דעם משמש אונ האט אים אנגיזאגט אז ער זאל איבער לאזין איין גאנז אונ זאל זיא היינט נישט שעכטין נאר שמחת תורה וועט זיא דער שוחט שעכטין. וויא דער משמש האט דאס אלעס אוים גיהערט האט ער ניקלערט אז דער רבי מיינט דאס בדי ער זאל האבין שמחת תורה פרישע יאך פון איין עוף וואס מען האט עס יעצט נעשאכטין אזוי האט דער משמש גיקלערט אזו דארף דעם האט אים דער רבי גיהייסין איבער לאזין איין גאנז איבער דעם האט זיך דער שמש גיפוילט אונ האט זיך געטראכט איך וועל דאך דעם רבי'ן קאנין געבין פרישע יאך מיט [פריש פלייש פון וועלכעס עוף עס איז וואס איך וועל קריגין אונ שמחת תורה. ע"כ האט ער נאר נישט איבער גילאזט אונ דער שוחט האט נישאכטין אלע גענז. איז אין איין גאנז גיוועזין א שאלה דהיינו מען האט גיפינין א גרעזיל אונ דעם ווישט האט דער שוחט גיפרעגט דעם מורה הוראה וואס איז גיוועזן בייא דעם רבי'ן די שאלה. נאר בעוודיל דאס איז גיוועזן זייער איין הארבע שאלה האט דער מורה הוראה נישט גיוואלט פאסקינין די שאלה. נאר ער איז ארויין נעגאנגין צום רבי'ן פרעגין די שאלה. וויא דער רבי האט דער הערט די שאלה האט ער אנגיהויבין זייער צו ציטערין אונ האט גינעבין אנגישרייא דער שמש זאל ארויין קומין. וויא דער משמש איז ארויין געקומין האט איהם דער רבי גיפרעגט אויב ער האט איבער גילאזט א גאנז וויא ער האט איהם נעהייסין. איז דער משמש זייער דערשראקין גיווארין בעוודיל ער האט גיוויסט אז ער האט נישט מקיים גיוועזן. ע"כ איז ער גישטאנין וויא א שטומער אונ האט גאר נישט גיענטפערט. דאמאלס האט זיך דער רבי נוט אנגיבייזערט ער זאל זאגין דעם אמת. האט דער שמש גימוזט מודה זיין אז ער האט נישט מקיים גיוועזן בעוודיל ער איז גיוועזן איין נעצווינגינער דער צו וויא דער

רבי האט דער הערט אז ער האט נישט איבער גילאזט קײן גאנז האט ער אנגיהויבין זײער צו װײנין. אז אזא שטײנער מענטש װיא דער שמש איז זאל זיך אונטער שטעלין מורד צו זײן דעם רבינ׳ס רײד. האט דער רבי גילאזט צו נויף ריפין אלע לומדים זײנע חסידים אונ ער האט ניפרעגט אויב עס איז דא צווישין זײא אײנער װאס זאל קענין גיפינין א עצה מען זאל כשר מאכין די גאנז װײל עס איז אום זײער אשאד טרפה צו מאכין די גאנז. נאר עס האט אבער קײנער נישט גיפינין קײן עצה מען זאל זיא קענין כשר מאכין. נאר דער רבי האט נאך נישט גערירט אונד האט גיקלערט דערינין גאנץ הושענא רבה װיא עס איז נעקומין פאר נאכט האט ער נאך א מאהל צונויף גירופין זײנע חסידים בעװײל עס איז גיװען א זעלכע װאס זענין יעצט ניהאט גיקומין אויף שמחת תורה אפשר װעט אײנער פון זײא קענין געפינין אײן צד װאס מען זאל זיא קענין כשר מאכין. נאר עס איז אבער יעצט אויך נישט גיװען אײנער מען זאל זיא כשר מאכין האט מען זיא נעמיזט טריפה מאכין האט דער רבי זײער שטאריק גיװײנט דערויף. ביז ער איז נעגאנגין דאווינין מעריב שמיני עצרת בײא גאבט מיט גרוים התלהבות אזוי װיא זײן שטײנער איז גיװען װיא ער איז אהײם נעקומין האט ער נאך דעם קידוש צינויף נירופין זײנע חסידים אונ האט צו זײא גיזאגט יעצט װעל איך אײך דערצײלין װאס די מעשה איז גיװען פאר װאס ער האט אזוי גיװײנט װעגין דער גאנז:

איר זאלט װיסין אז אונ ארײנע בעשעפיניש װערט א מאהל דערינין נעפינין א נשמה װאס מען דארף זיא מתקן צו זײן. אונ אז די זאך װערט צו נעטראפין אז א יוד עסט זיא אונ מאכט איבער איר א ברכה אדער ער עסט עס אים שבת אדער אײן אנדערי סעודת מצוה דאמאלס װערט די נשמה פערעכט. אויב דאס באשעפיניש דהײנו די בהמה אדער דאס עוף װערט טרפה דאס איז בעװײל בײא דעם בית דין של מעלה האט מען נעמשפט די נשמה אויב זיא איז שוין פערעכט גיװארין אונ גאנצין אז װיא באלד מען פארשילדינט די נשמה װערט די בהמה אדער דאס עוף טרפה. אונ װיא באלד אז דוא נשמה נײט ארוים גירעכט װערט דאס באשעפיניש כשר. אונ אז עס מאכט זיך אז אײן עוף װערט טרפה בעװײל עס װערט נעפינין דערינין א גרעזיל איז אזוי. אונ אמת׳ין האט די נשמה זיך שוין פערעכט נאר עס פעהלט נאך אקלײניקײט. אונ דעם אמת איז דאס עוף ניזינד אונ כשר נאר דארך דעם גרעזיל איז אזוי אז מען װארט אקלײנע צײט װערט דאס גרעזיל אײן גשוואקסין

געוואקסין אונ די קישקים פון דעם עוף אונ עס איז כשר. איך האב אויך גיוויסט אז איין גאנז איז דא וואס האט א גרעזיל אונ האלז. אונ אין דער גאנז איז גיוועז א נשמה איז ווען מען זאל גיוועז ווארטין נאך אביסיל וואלט די גאנץ כשר גיווארין. אויב איר וועט פרעגין פון וואנין האט דער שמש גיוויסט וועלכע גאנז איבער צו לאזין? בין איך גיוועזין בטוח אז דער שמש זאל גיוועז איבער לאזין א גאנז. איז די גאנז וואס איז אונ איהר גיוועז די נשמה וואלט זיך גיוועז א וועק גידרייט פון עהם ער זאל זיא נישט שעכטין אונ וואלט גיוועז איבער געבליבין אויף דעם סוף אונ בעוויל דער שוטה האט נישט מקיים גיוועז מיינע רייד האב איך מיך גימיזט שטאריק בעמיהין ביז איך האב די נשמה מתקן גיוועז:

ליבער לעזער נעם זיך ארוים א מוסר וויא ווייט א מענטש דארף זעהן זיך מתקן צו זיין אויף דיזען עולם אונ וויא גרוים עס איז דער כח פון די צדיקים השי"ת זאל העלפין מיר זאלין אלע האבין א תיקון אויף דער וועלט אמן כן יה"ר:

א ווינדערליכע מעשה פון מידת בטחון.

עס האט געוואהנט איין ארענדאר לעבען אפטא וואס מען האט פון איהם דערציילט גרויסע ווינדערליכע זאכין און וועמען ער האט גיבענטש זענין זיינע ברכות מקוים געווארען און נאך פיעל ווינדערליכע זאכען. ווי דער רבי ר' אברהם יהושע העשיל זצ"ל מאפטא האט דאס גיהערט האט ער געוואלט פרובען דעם מענש צו ער איז מסיטרא דקדושה צו ח"ו להיפך. האט זיך דער רבי אהגעטוהן מלבושים גלייך ווי א סוחר און איז געפאהרען צו דעם ארענדאר כדי ער זאל זעהן זיין התנהגות. דער ארענדאר האט דעם רביין ניט דערקענט און דער רבי איז ביי איהם גיוועזען צוויי טעג און האט איהם גוט נאך געקוקט און האט ביי איהם גאר ניט גיזעהן ער פלעגט תיכף אזוי ווי עס איז טאג געווארען אב דאווינען און זיך אנידער שטעלען ביי דעם באפעט און האט פערקופט יי"ש און איז אזוי געשטאנען ביז נאכט נאר איין זאך איז דעם רב געוועזען צפלא. דאס געלד וואס ער האט געלייזט האט ער געגלייגט אויף צוויי ערטער האלב און איין טיש קעסטיל אריין און די צווייטע העלפט און צווייטען טיש קעסטיל צריין. עס איז פאר ביי געגאנגען צוויי טעג האט זיך דער רבי ניט גיקענט איינהאלטען און האט זיך אויסגיגעבען ווער ער איז און האט געזאגט צום ארענדאר די זאלסט וויסען

נפלאות הבעל שם

אַז איך בין דער רבי פון אַפּטאָ און די מוזט מיר אויסזאָגען וואָס די טוהסט דיין התנהגות פון די צייט ביסט געבאָהרען געוואָהרען ביז יעצט . איך הער אַז די בענשט ווערט דיין ברכה מקוים. און אויב די וועסט מיר זאָגען דעם אמת זאָלסטו וויסען אַז איך בין בכח אַליין צו וויסען נאָר איך האָב מורא די זאָלסט ניט חרטה האָבען אויב די וועסט מיך דערצערנען . האָט דער אַרענדאַר געזאָגט דעם רבי'ן איך וועל אייך זאָגען דעם אמת איך וועל אייך גאָר ניט לייקינען ניט דורך מיין קליגשאַפט און ניט דורך מיין פרומשאַפט האָב איך דאָס זוכה געווען נאָר דורך מיין בטחון. איך האָב אָהגעהובען צו האַנדלין איז מיר פאָר געקומען פערשידענס אַמאָהל גוט אַמאָהל שלעכט איך בין קיין מאָהל ניט געווען טרויריג איך האָב זיך פערזיכערט און גאָט ב"ה און ער האָט מיר געהאָלפען. אַמאָהל האָב איך היזק געהאַט מיין גאַנץ געלד עס איז מיר ניט געבליבען אפילו אפרוטה עס איז מיר געווען זייער שלעכט האָט מיר מיין ווייב דערקוטשיט איך זאָל מיר צו נעמען א שותף צו דער אַרענדע ער זאָל אַריין לייגען געלד אויב מען וועט אַריין לייגען געלד און דער אַרענדע אַריין וועלין צוויי פערמיליעס קענען האָבען פרנסה איך האָב זי מדחה געווען פון טאָג צו טאָג . אַמאָהל האָט זי מיר שטאַרק דערקוטשיט און האָט שטארק געוויינט איך האָב ניט גיקענט צו זעהן איהר געוויין און אויך איך האָב רחמנות געהאַט אויף מיינע קונדער זיי זענען געווען הינגעריג אַשטיקעל ברויט שוין עטליכע טעג און איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס צו דער האַלטען זייערע נפשות. האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב איך געה און שטאָדט אַריין זיכען אַ שותף איך בין אַרויס געגאַנגען און פעלד אַריין איך האָב געוויינט פאַר דעם רבש"ע און געזאָגט נאָך. וואָס זאָל איך נעמען אַ שותף א בשר ודם גלייך מיט מיר איך נעם דיך פאַר אשותף און איך זאָג צו אַז דעם פדיון וועל איך אייננטהיילען גלייך אויף גלייך העלפט וועל איך מיר נעמען און העלפט וועל איך צוטהיילין צדקה און די רבש"ע קענסט דאָך מיר העלפין אָהן געלד. גלייך ווי איינעם מיט געלד די זאַך איז מיר אַריין גוט און האַרץ און איך האָב זיך פערזיכערט און השי"ת אַז עס וועט זיכער אַזוי זיין איך האָב אריין גישטעקט מיין האַנד און קעשינע אַריין האָב איך גיפינען אפערציגער האָב איך שוין גיזעהן אז מען הייבט מיר אָהן צו העלפען פון הימעל בין איך צוריק אהיים גיגאנגען און איך האָב געקויפט א קוואָרט יי"ש און האָב געזאָגט צום ווייב איך האָב בעקומען אשותף מיט אסך געלד . און איך האָב געמאכט צוויי טיש קעסטליך און איין געטהיילט דעם פדיון אויף צוויי חלקים איין חלק מיר און איין חלק אויף צדקה און איך בין ב"ה מצליח און פון דאמאָלס אָהן בין איך עוסק און דעם האנדעל באמונה איך לאָז קיינעם ניט צו צום טיש קעסטיל נאָר איך אליין שטעה פון דער פריה ביז נאַכט און טהייל איין דאָס געלד גלייך. פאַר דעם

האָט

נפלאות הבעל שם

האָט מען מיר גישענקט אַ מתנה פון הימעל אַז ווען מען איך וועל בענטשען זאָל זיין גיבענטש האָב איך זיך מיישב גיוועזען פאַר וואָס זאָל איך פערמיידען גוטעס פון מענשען האָב איך אָהנגעהויבען צו בענטשען אַלע מענשין וואָס זיי זענען גיקומען צו מיר איך זאָל זיי בענטשען אין ב״ה אַז מיין ברכה איז השי״ת מקיים. ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט האָט ער איהם געקושט און קאָפּ און האָט איהם געזאָגט איך בין אויך מסכים אויף דיין שותפות און גאָט זאָל דיר געבען הצלחה און שטאַרק דיך און דיין אמונה ובטחון:

אַמעשה פון רבי׳ן ר׳ משה לייב מסאַסוב זצ״ל.

דער רבי ר׳ משה לייב פלעגט צו בעגריסען מענשין פריהר איידער יענער האָט איהם בעגריסעט. ער האָט פריהער בעגריסט דעם צווייטען. אַמאָהל איז דער רבי ר׳ משה לייב געוועזען און בראָד. און בראָד האָט געוואָהנט אַ יוד אַגביר מפורסים און אַ תלמוד חכם. ווי ער האָט גיהערט אַז מען דערציילט אַז דער רבי בעגריסעט יעדען מענש פריהר ווי דער מענש איהם האָט ער עס ניט געוואָלט גלייבען ווי איז דאָס מעגליך עס טרעפט זיך דאָך אַמאָהל אַז אַ מענש קומט איהם אָהן פון הינטען וואָס ער זעהט איהם ניט ביז ער קומט צו לעבען איהם דאַמאָלס קען דאָך ניט מעגליך זיין אַז דער רבי זאָל איהם פריהר בעגריסען? און אויך איהם איז געוועזין אַ ווינדער מען האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי עס קומט האַלבע נאַכט אַזוי שטעהט ער אויף פון זיין שלאָף ער מעג זיין גאָהר מיעד דאָך אַז עס קומט האַלבע נאַכט שטעהט ער אויף ער האָט זיך די זאַך אויך ניט געקענט גלייבען, האָט דער גביר געזאָגט איך וועל מאָרגין ווייזען פאַר יעדען איינעם אַז דאָס איז ניט אמת דאָס איז געוועזען פרייטאָג צו נאַכט און דער פריה ווען דער רבי איז געגאַנגען און מקוה אַריין האָט דער גביר אָהנגישטעלט צוויי מענשין אַז זיי זאָלען געהן אינטער דעם רבי׳ן שטילער הייט ער זאָל ניט בעמערקען און זיי זאָלען איהם זאָגען גוט שבת. די מענשין האָבען אַזוי געטוהן ווי זיי זענען גיקומען נאָהנט פון רבי׳ן האָט דער רבי זיך צו זיי אויסגעדרעהט און ער האָט זיי גיזאָגט גוט שבת. האָט שוין דער גביר גיזעהן אַז איין זאַך איז אמת. ער האָט אָבער זיך געוואָלט איבער צייגען די צווייטע זאַך האָט ער געמאַכט ביי נאַכט אסעודה פאַר דעם רבינ׳ס וועגען און ער האָט מכבד געוועזען דעם רבי׳ן מיט אַלטען ווין דער רבי האָט מרגיש גיוועזען דעם גביר׳ס כונה אַז ער וויל איהם פאַרשיכורין און

דער

דער רבי האט דוקא געטרינקען אסך וויין. די סעודה האט געדויערט ביז עלף אזייגער ביינאכט. נאך דער סעודה האט דער רבי זיך געלעגט שלאפען און איז שטארק אנטשלאפען געווארען. עס איז געוועזען עטליכע מינוט פאר צוועלף און דער רבי איז נאך געשלאפען געשמאק. האט דער גביר געזאגט צו די חסידים נאך און עטליכע מינוט ארום וועל איך אייך וויזען אז איהר זענט ליגנערס דאס דער רבי וועט נאך שלאפען. עס איז אבער געקומען פונקט צוועלף אזייגער האט זיך דער רבי אויף געהויבען און האט אבגעריכט חצות מיט אגרויס געוויין גלייך ווי ער וואלט גאר היינט ניט קיין וויין געטרינקען. דאמאלסט האט הערשט דער גביר געזעהן אז אלעס וואס די חסידים זאגען אויף דעם רבין איז אמת אז א פראסטע מענש קען און איהם קיין השגה ניט האבען זי"ע ועכי"א:

א וואונדערליבע מעשה. צו וויזען ווי גרויס עס איז די מצוה פון פדיון שבוים.

פארצייטענס ווען פוילען איז נאך געווען פאר זיך אמלוכה, איז יעדער פריץ אין זיין הויף געווען אזוי ווי א מלך, וואס ער האט געוואלט האט ער געטוהן סיי צום גוטען און סיי צום שלעכטען איינעם צו בעשטראפען און צו טויטען און קיינער האט איהם גאר נישט גע=קענט שטערען, האט זיך איינמאל פערלאפען א מעשה אז אין איין דארף האט געוואוינט א יוד אין אקרעטשמע און האט נישט געקענט בעצאהלען די ראטהע וואס איז געקומען דעם פריץ, דער פריץ האט איהם געווארט עטליכע יאהר און דער יוד=ארענדאר איז געווארען אגרויסער בעל=חוב, מחמת ער האט שוין עטליכע יאהר נישט בעצאהלט די ראטעס דעם פריץ ביז אין אצייט ארום האבען די ראטעס שוין בעטראפען ביז פיער הונדערט רובל און האט איהם גאר נישט בעצאהלט האט דער פריץ געהייסען אז מען זאל דעם ארענדאר מיט זיינע ווייב און קינדער ארייגזעצען אין תפיסה איז ער דארטען געזעסען אקורצע צייט און זיך ערנעהרט מיט ברויט און וואסער, דערנאך האט זיך דער פריץ מישב געווען, וואס וועט זיין דער סוף דערפון? וועט דען

דער

דער אַרענדאַר איהם אויף אַזאַ אַרט בעצאָהלען דעם חוב ! האט ער געהייסען מען זאָל דעם אָרימען יוד מיט זיין ווייב און קינדער שמידען אין קייטען און זיי פיהרען אין אַגרויסע שטאָדט , מען זאָל זיי אַנידער שטעלען אין אַלע פיער עקען פון דער שטאָדט און מען זאָל פויקען אויף אַ פויק , כדי עס זאָל זיך צונויף קומען אַסך מענשען און פאַר זיי פאָרצולייענען דאָס פאַפיער וואָס דער פריץ האָט אַליין אָנגעשריבען און אָנגע׳חתמ׳עט , אין דעם פאַפיער איז אַזוי געווען געשריבען ; אויב קיינער פון די יודען וועט זיי נישט אויסלייזען פאַר דריי הונדערט רובעל , וועט מען דעם אַרענדאַר מיט זיין גאַנץ הויז־געזונד הרג׳נען , מען האָט אַזוי געטוהן ווי דער פריץ האָט געהייסען , מען האָט זיי געשמידט אין קייטען , און אַריינגעבראַכט אין דער גרויסער שטאָדט , מען האָט געפויקט מיט אַ פויק און פאָרגעלייענט דאָס פאַפיער פון דעם פריץ , אויך די געפאַנגענע אַליין האָבען שטאַרק געוויינט און גיבעטען זיך ביי די יודען פון דער שטאָדט זיי זאָלען אויף זיי רחמנות האָבען זיי אויסלייזען פאַר די 300 רובעל , כדי דער פריץ זאָל זיי נישט הרגענ׳ען , די יודען פון דער שטאָדט האָבען זעהר רחמנות געקריגען אויף זיי , נור עס איז צווישען זיי קיינער נישט געווען , וואָס זאָל פערמאָגען אַזאַ גרויסע סומע געלד מ׳זאָל זיי קענען אויסלייזען , די געפאַנגענע האָבען ווייטער געוויינט און געקלאָגט אויף זייער ביטערען גורל , אַז זיי וועלען געוויס געטויטעט ווערען דורכ׳ען פריץ , נור קיינער האָט זיי נאָר נישט געקענט העלפען .

דאָרט איז געווען אַ פראָסטער בחור , אַ משרת ביי איין בעל הבית וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַמעלט איינציגוויים הונדערט און פופציג רוב׳ל , ווי דער משרת האָט געהערט פון דער צרה פון דעם אַרענדאַר מיט זיין ווייב און קינדער , אַז זיי האָבען נישט מעהר ציילעבען נור דעם איינעם טאָג , איז איהם זעהר אַ רחמנות געווען אויף זיי , און האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז אַלעס וואָס ער האָט נור אַוועקצינעבען אויף דער מצוה פון פדיון שבוים (אויסלייזען געפאַנגענע) , נור אַזוי ווי ער האָט געוואוסט אַז זיין געלד וועט דערצו נישט גענוג זיין , ווייל דער פריץ פערלאַנגט נישט אַנדערש ווי 300 רובעל , האָט ער זיך דערמאַנט אָן איינע אַ יתומה אַנ׳אָרימע , וואָס ער קען זיך מיט איהר און זי דיענט אויך ערגיץ ביי בעלי־בתים און זי האָט זיך אויך אָנגעזאַמעלט פון איהר שכירות (פערדיענסט) 150 רובעל דעריבער איז ער געגאַנגען צי די משרתת און האָט איהר שטאַרק אָן גיהאַלטען אַז זי זאָל אויך געבען איהרע 150 רובעל וואָס פעהלען צו און זיי ביידע וועלען מקיים זיין די מצוה , וואָרום קיין אַנדערע מצות האָבען זיי נישט וואָס מקיים צו זיין אין זייער גאַנץ לעבען , די יתומה איז באַלד בעשטאַנען דערויף זיי האָבען דעם פריץ געגעבען די 300 רובל און מען האָט דעם אַרענדאַר מיט זיין ווייב און קינדער באַלד פריי געלאָזט און זיי האָבען

מיט

װאונדערליכע מעשה װי אַזוי דער בעש״ט האָט חתונה געמאַכט צװײ יתומים

מיט פרייד געדאַנקט השי״ת װאָס זיי זענען געװאָרען אױסגעלײזט, דער בחור, דער משרת האָט דערנאָך געזאָגט צו דער יתומה, מיר דאַרפען לויבען און דאַנקען גאָט ב״ה װאָס ער האָט אונז צוגעשיקט מקיים צו זיין אַזאַ טייערע מצוה, נור אַזוי װי דורך מיין עצה ביזט דו געבליבען אָהן אַפּרוטה דערום בין איך מחויב פאַר דיינעטװעגען צו זיכען עפּיס אַ פרנסה, אַזוי װי איך װעל זיכען פאַר מיינעטװעגען, און מיין עצה איז אַזוי, נישט װייט פון דאַנען האָב איך אַרביכען פעטער, מיר ביידע װעלען דאָרטען אַהין גיין. און דער פעטער װעט עפּיס אויס זעהען אַ פרנסה פאַר אונזערטװעגען, כן הוה, עס איז טאַקע אַזוי געװען, ביידע זענען געגאַנגען צו=פוס אין דער שטאָדט אַריין װי דער פעטער האָט געװאוינט, אין פאַרנאַכט זענען זיי געקומען אין אַ קרעטשמע האָבען זיי דאָרטען גענעכטיגט.

די גרויסע מצוה װאָס די צװיי פראָסטע לייט האָבען געטוהן, האָט אין הימעל אָנגעמאַכט אַגרויסען רעש, דעריבער האָט מען תיכף געגעבען צו װיסען פון הימעל דעם בעש״ט ז״ל, אַז ער זאָל באַלד פאָהרען אין דעם דאָרף אַריין װאו זיי האַלטען זיך אויף אין דער קרעטשמע, און מיט זיך מיט נעהמען מלבושים פאַר דעם בחור אין די בתולה און ער זאָל זיי חתונה מאַכען װי דער דין איז, דער בעש״ט ז״ל האָט אַלעס אַזוי געטוהן װאָס מען האָט איהם פון הימעל געהייסען און האָט מיט זיך מיטגענומען מלבושים פאַר דעם חתן און פאַר דער כלה, פאַר נאַכט איז ער אָנגעקומען צו דער קרעטשמע, דער קרעטשמער איז אַנטקעגען געגאַנגען דעם בעש״ט ז״ל און האָט זעהר געציטערט פאַר דעם בעש״ט, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט; רבי נעכטיגט דאָ, די נאַכט, דער בעש״ט ז״ל האָט די נאַכט דאָרטען גענעכטיגט און ער האָט געהייסען דעם בעל הבית ער זאָל דאָ אָנגרייטען אַ חתונה=מאָלצייט, מחמת ער האָט דאָ אַחתן און כלה װאָס די נאַכט װעט פאָרקומען זייער חתונה, דער קרעטשמער האָט געפאָלגט דעם בעש״ט ז״ל און האָט תיכף אָנגעגרייט אַחתונה=מאָלצייט פאַר אַמנין מענשען.

װען דער משרת אין די יתומה זענען געקומען אין דער קרעטשמע האָבען זיי זיך אַביסעל אַבגערוהט, אין אַזוי װי זיי זענען געװען געװאָהנט צו בעדיענען זייערע בעלי=בתים האָבען זיי דאָ אין דער קרעטשמע, אויך עפּיס געװאָלט צו העלפען, כדי זיי זאָלען נישט עסען קיין אומזיסטע ברויט, אין עס איז טאַקע אַזוי געװען אַזוי װי דער בעל=הבית איז געװען פערנומען מיט דעם אָנגרייטען דעם מאָהלצייט אויף דער חתונה װאָס דער בעש״ט האָט איהם געהייסען האָט דער בחור מיט די בתולה איהם צוגעהאָלפען מיט װאָס זיי האָבען נור געקענט. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער בעל=הבית געקומען צום בעש״ט און איהם געזאָגט רבי, עס איז שוין פאַרטיג די סעודה, דער בעש״ט האָט איהם געפרעגט צי ער האָט עפּיס פרעמדע מענשען אין דער שטוב, האָט דער

קרעטשמער

קרעטשמער איהם געענטפערט אז ער האט נאר נישט ביי זיך קיין פרעמדע מענשען נור עפיס א בחור א משרת און א מעדעל אקעכין זענען היינט צו איהם געקומען, האט דער בעש"ט ז"ל זיי געהייסען ארייגרופען צו זיך אין חדר אין האט זיי געגעבען די מלבושים און זיי געהייסען אנטוהן די מלבושים אין זאלען דא אזוי זיצען ווארום באלד ועט זיין זייער חתונה, די חתן=כלה זענען דא אין קרעטשמע אנגעזעסען א שעה און צוויי ביז עס איז געקומען אין דער קרעטשמע ארייין זיבען בכבוד'ע מענשען אין גרוים=ארטיגע קוטשען און ברישקעס און מיט דעם בעש"ט ז"ל און חתן און קרעטשמער צוזאמען איז געוועזען אמנין (צעהן מענשען), דעם בעה"ב איז די זאך געווארען שטארק קשה פון וואנען האט זיך גענומען די אלע מענשען און ווער זענען זיי? און ווער זענען דאס די חתן=כלה וואס דער בעש"ט ז"ל איז זיך אזוי מטריח פאר זייערטוועגען? דער בעש"ט ז"ל האט מסדר קידושין געוועזען און נאך דער חופה האט זיך דער גאנצער עולם געזעצט צום טיש און געגעסען און געטרינקען, דער בעה"ב האט דאס אלעס צוגעזעהען און געשוויגען, נאך דעם עסען האט מען אנגעהויבען צו רופען דרשה=געשאנק, האט איינער פון די געסט געזאגט אז ער גיט דרשה=געשאנק דעם חתן=כלה דאס שטאל מיט די אקסען פון דעם פריץ פון דעם דארף, און דער צווייטער נאסט האט אויסגערופען אז ער גיט דרשה=געשאנק די שקאטעלקע מיט ברילאנטען און דימאנטען פון די פריצ'ע, און דער בעש"ט ז"ל האט געזאגט, אז ער גיט די חתן וכלה דרשה=געשאנק די קרעטשמע, דערנאך האבען אלע געבענשט און זענען זיך אלע צופאהרען אהיים און עס איז מעהר נישט דא איבער=געבליבען ווי דער בעש"ט מיט חתן=כלה, און חתן און כלה איז געווען אנגרויס וואונדער אויף די אלע דרשה=געשאנקער, אז זיי האבען דערוויל דערפון נאר נישט? אבער די מעשה דערפון איז אזוי געוועזען דער פריץ פון דעם דארף האט געהאט איין איינציגען זוהן, וואס איז אלט געוועזען צעהן יאהר, און האט איהם זעהר ליעב געהאט פלוצלינג איז איהם דער זוהן פערלארען געווארען, און דאס איז געוועזען צוויי טעג איידער מען האט די חופה געשטעלט, דער פריץ איז פראסט משוגע געווארען און האט ארומגעשיקט שלוחים זוכען אין דעם גאנצען נעגענד זיין זוהן אבער אומזיסט האט מען איהם געזוכט, און מען האט איהם נישט געקענט געפינען, צו מארגען'ס נאך דער חתונה האט זיך דער חתן מישב געוועזען און האט געזאגט צום קרעטשמער, איך וועל פון אייך עפיס בעטען אזוי ווי איך האב דא אין דער נאהנטע שטאדט א פעטער גיט מיר אייער וואגען וועל איך פאהרען צו מיין פעטער בעטען איהם ער זאל מיר געבען עפיס א בעשעפטיגונג איך זאל קענען מפרנס זיין מיך מיט מיין ווייב, דערנאך וועל איך באלד צוריק קומען, דער בעל=הבית האט איהם געגעבען זיין וואגען און דער חתן אליין איז אהין געפאהרען, און מיט'ען וועג האט ער געהערט ווי פון אונטער

אבריק

אַבריק שרייט עמיצער מיט אַ יאָמערלך קול ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קול צו זעהען פון וואַנען דאָס געוויין קומט; האָט ער געזעהען, ווי דאָס קול קומט אַרויס פון אונטער דער בריק און דאָס קול איז פון אַ יונג קינד איז ער אַראָפּ פון דער פיהר און האָט זיך אַרונטערגעבויגען אונטער דער בריק צו זעהען, וואו עס געפינט זיך דאָרט, און ער האָט געזעהען ווי פון דער בלאָטע וואָס איז אונטער דער בריק שטעקט אַרויס אַ קאָפּ פון אַ קינד און זשיפּיעט נאָך קוים ער האָט תיכף דאָס קינד מיט גרוים מיה אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, און דאָס יונגעל איז געוועזען דאָס איינענע קינד וואָס דער פּריץ האָט פערלוירען שוין דעם דריטען טאָג, דער חתן האָט זיך דער-באַרימט אויף דעם קינד און האָט איהם אָבגעוואַשט ריין געמאַכט און דערוואַרימט ביז ער האָט אַביסעל זיך דערמינטערט, און דאָס יונגעל האָט איהם אַזוי געזאָגט; איך בין דעם גראַפ'ס אַ זוהן און איך ווייס אַז מיין פאָטער זוכט מיך זעהר, פיהר מיך און מיין פאָטער'ס הויף אַריין, ער האָט טאַקע אַזוי געטוהן ער איז געפאָהרען צום פּריץ'ס הויף אויף דעם וועג ווי דאָס יונגעל האָט איהם געוויזען, און ווען זיי זענען נור געקומען אין הויף אַריין, איז געוואָרען אַגרויסע שמחה און פרייד, דעם פּריץ'ס זוהן האָט געשריגען צום פאָטער; טאַטע. טאַטע! ווען נישט דער יוד וואָלט איך שוין נישט געלעבט, און דעריבער געב איהם אַגרוים געשענק, וואָס ער זאָל דאָס האָבען אַלס אַנ' אַנדענקונג אויף זיין גאַנץ לעבען, און דאָס איינענע האָט ער געשריגען צו זיין מוטער די פּריצ'ע, ביז דער פּריץ האָט איהם אַוועקגעשענקט אַלעם געשענק אויף איינינ די קרעטשמע, און דאָס שטאַל מיט די אָקסען פאַר אַ מתנה, און די פּריצ'ע האָט איהם געגעבען אַלס געשענק איהר שקאַטולקע מיט ברילאַנטען און דימאַנטען און עס איז מקוים געוואָרען ביי זיי די ברכות מיט וואָס די הייליגע צדיקים האָבען זיי געבענשט, איבער דער מצוה פון פדיון שבוים וואָס זיי האָבען דעריבער מוסר נפש געוועזען און דאָס פּאָר-פאָלק האָבען געלעבט גליקליך און גרוים עשירות זייער גאַנץ לעבען, די זיבען געסט זענען געוועזען די זיבען הייליגע אבות, זייערע זכות זאָל אונז ביי שטיין אמן.

אַ גוט וואָרט פון לובלינער רבי'ן זצ"ל.

דער הרה"ק הר"י פון לובלין האָט איינמאָל געזאָגט צו איינעם פון

פון זיינע חסידים וואָס פלעגט צו איהם פאָהרען אויף ימים נוראים דען ראש השנה, אַז ער זאָל צוריק אַהיים פאָהרען אויף ראש השנה אוּן זאָל זיך מיט איהם געזעגענען, דער חסיד איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פאַר וואָס דער רבי האָט איהם פּלוצלינג געהייסען אַהיים פאָהרען? נור דאָך, אַז דער רבי האָט געהייסען האָט ער געמוזט פאָלגען און איז נאָך אין די איינענע נאַכט אַהיים געפאָהרען אונטער וועגנ'ס האָט ער גענעכטיגט אין איין קרעטשמע, אין דער איינענער קרעטשמע האָבען זיך אויפגעהאַלטען חסידים פון אַנדערע שטעדט וואָס זענען אויך געפאָהרען צום רבי פון לובלין אויף ראש השנה, דער חסיד האָט זיי דערצעהלט פון זיין עגמת נפש וואָס דער רבי האָט איהם געהייסען צוריק אַהיים פאָהרען, די חסידים האָבען אין דער קרעטשמע גענע־כטיגט און זיי האָבען דאָרט געגעסען און געטרינקען „לחיים" אַזוי ווי עס געהער צו זיין, אין דער פריה האָבען זיי איהם צוגערעדט, אַז ער זאָל מיט זיי מיטפאָהרען קיין לובלין, און זיי וועלען שוין פאַר איהם דאָרט גוט זאָגען פאַר דעם רבי'ן, כן הוה, אַזוי איז טאַקע געווען ער איז מיט זיי מיט געפאָהרען צום רבי'ן, און דער רבי האָט איהם גאָר נישט געזאָגט און האָט זיך אויף איהם גאָר נישט גע־בייזערט, פערקעהרט, מען האָט נאָך געזעהען אַן רבי'ן אַז ער איז צופריעדען פון דעם וואָס ער איז דאָ ראש השנה.

דעמאָלט האָט דער הרה"ק געזאָגט יעצט פערשטעה איך ערשט ווי ריכטיג עס איז דאָס וואָס שטעהט אין מדרש; „ווען יודען זיצען צוזאַמען און טרינקען „לחיים" איז זיי גאָט ב"ה מוחל אַלע זייערע זינד, מחמת איך האָב געזעהען אַז אויף דעם מענש איז נגזר געוואָרען דאָס יאָהר צו שטאַרבען איבער זיינע זינד און איך האָב גאָרנישט געקענט קיין טובה טוהן, דעריבער האָב איך איהם געהייסען אַהיים פאָהרען, און יעצט זעה איך. אַז דורך דעם וואָס די גאַנצע חברה חסידים זענען צוזאַמען געווען און האָבען געטרינקען „לחיים" איז פון איהם אראָב גענומען געוואָרען דעם דין און די גזרה איז בטל געוואָרען.